שנה ג'
נומער קל"ה
**פרשת פינחס**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



א שיחה פון דער ראש ישיבה שליט"א:

**זאל איך גיין וואוינען אין שטעטל?**

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א:

**פארוואס קומט נאכנישט משיח?**

נייע אפטיילונג:

**נקודות טובות**

## סיום הש"ס פון הבחור בנימין זאב זוסמאן נרו יאיר

**מיטוואך פרשת בלק תשפ"ב**



א גריס פון תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם משה שטראססער**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**

718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**

845.379.1161
136-Huschke Rd Hurkeyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## אווארט פון דער רעדאקציע

### פרישע אפטיילונג

לכבוד אלע חשובע ליינער.
גאר גוטע גריסן הערט מען צוריק פון די חשובע ליינער בנוגע דעם נייעם ארטיקל ביי די קינדער אפטיילונג "א מעשה פון תפילה פאר קינדער" און "נאך וועם הייס איך".
ווי איר זעט פרובירן מיר צו אהערשטעלן גאר הערליכע תוכן'דיגע ווערק, פאר די חשובע ליינער, אלעס מיט איין ציל, אריינצוברענגן א מחשבה אינעם מח אז אלעס אויף דער וועלט ווערט געפירט דורכ'ן איין איינציגע באשעפער, און וואס מען דארף קען מען פון אים בעטן אין יעדע מצב.

די וואך האבן מיר אנגעהויבן מיט א נייעם אפטיילונג "נקודות טובות" געהערט פון אנשי שלומינו, קליינע פאסירונגען וואס זיי האבן מיטגעהאלטן און עס האט ארויסגעברענגט א זאך וואס מען קען עפעס ארויס נעמען דערפון פאר זיך און פאר אנדערע, אדער א ווארט וואס מען האט געהערט פונעם ראש ישיבה און ס'האט אים שטארק געכאפט און אזוי ווייטער.

אויב האט איר א נקודה וואס איר ווילט מיטטיילן ביטע שיקט אריין צו די מערכת אויף 845-379-1161

אויב וואוינט איר אין שטעטל קענט איר דאס איבערגעבן פאר מו"ה אברהם משה שטראססער הי"ו

## זמנים Liberty

**פרשת פנחס כ"ד תמוז תשפ"ב**

**הדלקת הנרות**......... 08:08
**מוצאי שבת**............ 09:38
**מנחה מעריב מטו"מ.** 09:15


# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה יודא יחיאל דעפריס הי"ו**
**וזוגתו רחל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל ברוחניות ובגשמיות.



ביטע נישט פארן אויף די ראודס אין שטעטל
מער ווי 20 מייל א שעה עס קען זיך ווייער נישט
SPEED LIMIT 20
גוט ענדיגן חס ושלום.
SPEED LIMIT 20
אזוי אויך ווילן מיר בעטן די וואס שפאצירן ביינאכט אויף די ראוד, ביטע טוט אן א רעפלעקטער, מען קען אייך נישט באמערקן אן א רעפלעקטער.


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 22 | 87°/63° | | Sunny |
| Sat 23 | 86°/61° | | Isolated Thunderstorms |
| Sun 24 | 85°/62° | | Isolated Thunderstorms |
| Mon 25 | 82°/62° | | Scattered Thunderstorms |
| Tue 26 | 81°/60° | | AM Showers |
| Wed 27 | 83°/60° | | PM Thunderstorms |
| Thu 28 | 83°/62° | | Scattered Thunderstorms |
| Fri 29 | 83°/61° | | Scattered Thunderstorms |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל'ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א



# בריוו צו די רעדאקציע

## א הערה אין ספר פעולת הצדיק

קודם וויל איך מיך באדאנקען פאר אלע חברי המערכת וואס לייגן אריין אזויפיל כוחות ארויסצוגעבן דעם קרית ברסלב בלעטל, עס איז זייער שיין און געשמאק, מיר אלע ליינען עס פון גרויס ביז קליין און זענען זיך מחיה דערמיט.

איך האב געוואלט פרעגן א שאלה, הגם עס האט נישט דירעקט צו טון מיט די בלעטל. איך האב א שיעור יעדע מוצאי שבת וואס איך לערן מיט מיינע קינדער ביי מלוה מלכה דעם הייליגן ספר "פעולות הצדיק" וואס מוהרא"ש זי"ע האט ארויסגעגעבן די לעבנ'ס געשיכטע פון הייליגן רבי'ן.

אנהייב ספר ווי עס ווערט אויסגערעכנט די השתלשלות פונעם הייליגן רבין, זייענדיג א אייניקל פון בעש"ט זי"ע, און דערנאך דארט אין סימן ג' ווערט געברענגט אז רבי צבי דער זון פונעם הייליגן בעש"ט האט געהאט צוויי קינדער, ר' אהרן פון טיטיוב זי"ע און רבי ישראל פון פאווליטש זי"ע. ווי ווייט איך געדענק און אזוי האב איך אויך לעצטנ'ס איבערגעקוקט די תולדות פונעם הייליגן רבי צבי זי"ע דער זון פון בעל שם טוב זי"ע אז ער האט געהאט נאך א זון וואס האט געהייסן רבי דוב בער פון אולינוב.



ר' צבי האט אויך געהאט נאך צוויי טעכטער, אבער קען זיין אז מוהרא"ש רעכנט אויס נאר די זון, אבער צווישן די זון פעלט דער עלסטער זון ר' דוב בער מאולינוב.

יצחק ווייס

*ענטפער פון די מערכת*

מיר האבן איבערגעקוקט אייער שאלה, און מיר האבן געטראפן אז אין שאלות ותשובות ברסלב האט איינער שוין אנגעפרעגט פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו דערוועגן, יענער שרייבט אז ער איז אן אייניקל פון דעם זון.

די תשובה האט מוהרא"ש געשריבן כ"ה ניסן תשע"ג, מוהרא"ש ענטפערט דעם שואל אז ער איז טאקע גערעכט און ר' צבי האט געהאט נאך א זון ר' דוב בער מאולינוב (אולינוב איז א שטעטל וואס איז נאנט צו קאמעניץ), מוהרא"ש שרייבט אז ער איז געווען א גרויסער בעל מופת און מען דערציילט זייער אסאך וואונדערליכע מעשיות פון אים.

## איבער דעם ארטיקל "פארקאכט א טשולנט".

איך האב זייער הנאה געהאט פון דעם ארטיקל (צום פינטל פרשת חקת) "פארקאכט א טשולנט", עס איז מיר געווען זייער א שטארקע חיזוק, בעסער געזאגט א קלארקייט. פאר מיר איז נישט קיין חילוק וואס מען זאגט און וואס מען טראכט אויף ברסלב, איך ווייס וואס איך

באקום און מער פון דעם אינטערעסירט מיך נישט.

איך בין געווען אויף אפרוה נאכ'ן האבן א קינד, רוב פרויען דארט ווען זיי האבן געהערט אז איך באלאנג אין היכל הקודש האבן זיי געזאגט אז זיי האבן זייער גאנצע חיות פון די האטליין.

איך האב אבער געהאט איין צוויי גוטסקייטן... וואס האבן נישט אויפגעהערט צו זינגען דעם ניגון ווי שטארק מען 'טוט דארט אויף מיט די שוואכע...' און זיי ווייסן פון ערשטע האנט אינפארמאציע וואס זיי ווייסן אז מען האט געראטעוועט... און מען נעמט די נשמות, און אזוי ווייטער. איך האב געפילט זייער שלעכט יעדעס מאל איך האב עס געהערט, איך ווייס אז עס דארף מיך נישט אנגיין וואס יענער זאגט, אבער עס האט מיר יא ווי' געטון.

פרייטאג איז מיין מאן געקומען און מיר געברענגט דער גאנצער אוצר פון ברסלב'ע ליין מאטריאל, איך האב עס געליינט שבת, און עס איז שוין ארומגעפארן צווישן די פרויען, אלע האבן זיך מחיה געווען, אויך די פרויען וואס האבן מיך געשטאכן האבן זיך אנטשולדיגט אז זיי האבן נישט געמיינט צו טשעפענען, עס איז פשוט געווען א חסרון ידיעה, און נאכן ליינען די ארטיקל האבן זיי שוין גאר גוט פארשטאנען פון ווי די שוואכע קומען און פון ווי עס קומען די גוטע.

י. א. קרית יואל

## מוז האבן ווער צו באשולדיגן

א ווארט צו צולייגן צום ארטיקל "צום פינטל" פון פרשת חקת. מיט א שיינע פאר יאר צוריק, א יונגערמאן וואס זיין ברודער פלעגט קומען אין היכל הקודש, די משפחה האט אים גאר שטארק גע'רודף'ט, וואס עס איז אים געגאנגען נישט גוט, האט מען באשולדיגט: "זעסט, דאס איז ווייל די דרייסט דיך דארט..." עס איז אריבער א שטיק צייט און דער אינגערמאן האט אויפגעהערט צו קומען צו די שיעורים, א שטיק צייט שפעטער טרעף איך דעם ברודער פון דעם אינגערמאן ער קומט צו צו מיר מיט איין שמחה: "ברוך השם מיין ברודער האט זיך ענדליך אפגעשאקלט פון ענקער פלאץ".

האב איך אים געזאגט ווייסט ווער עס האט דאס מערסטע שאדן אז דיין ברודער איז אוועק געגאנגען פון היכל הקודש? דיין משפחה! ער קוקט מיך אזוי אן, און פרעגט: "וואס הייסט?" זאג איך אים: "זייער פשוט, ביז יעצט ווען עפעס איז נישט געגאנגען גוט די פרנסה, שלום בית וכדומה האט די משפחה געהאט א פלאץ ווי ארויפצוגיסן די שמוץ, אבער יעצט ווען ער קומט שוין נישט דא, וועט ער מוזן בבושת פנים אננעמען דעם פאקט אז זיי האבן א אומגעבאקענער אין די משפחה מיט צוויי לינקע הענט.

## פארקאכט א טשולנט מיט א בילד

א גרויסן יישר כח פאר די הערליכע בלעטל, איך בין זיך יעדע וואך מחי' דערמיט עס גאר אינטערסאנט און ציענד, איך פערזענליך גלייך נישט אזוי צו ליינען, אבער די בלעטל ליין איך דורך פון דעקל צו דעקל, עס איז ווי א געשמאקע נאש.

איך האב געוואלט שרייבן מיין מיינונג איבער דעם קאלום "צום פינטל" עס איז זייער א געשמאקע שיינע באשרייבונג עס איז גאר קאלירפול, געשריבן און א זעלטענעם שפראך, געווענטליך איז די באשרייבונג אויך אביסל קאמיש. איך האב געקלערט אז די בילד פון די שטרענגע ערנסטע שפיציגע פענע איינגעטינקען און טינט פאסט נישט אזוי פאר דעם ארטיקל, איך טראכט אז עס וואלט געווען פאסיג צי לייגן א אנדערע בילד יעדע וואך, ווי

למשל איין וואך איז געווען די נאמען "פארקאכט א טשולנט" וואלט געווען פאסיג צי לייגן א בילד פון א זאפטיגע איבערינענדע הייסע טעלער טשולנט...

עס איז נאר א מיינונג, א גרויסער דאנק.

יושע ראבינאוויטש ארץ ישראל

## סיפור התקרבות אפטיילונג

לכבוד די חשובע מערכת פון די שיינע קרית ברסלב בלעטל

איך האב געהערט די שיעור פון דער ראש ישיבה פון מוצאי שבת קרח, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער רבי האט נישט געוואלט מען זאל רעדן פון זיינע מופתים, נאר דער עיקר ביים רבין איז א 'מופת בין איך', יעדער איינער זעט וואס ער איז געווען פאר'ן מקורב ווערן און וואס איז געווארן פון אים נאכ'ן מקורב ווערן.

האב איך געטראכט אפשר קען מען מאכן א אפטיילונג ווי יעדע וואך וועט א צווייטער שרייבן זיין סיפור התקרבות, די מעשה וויאזוי ער איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן און בפרט ווי אזוי ער איז אנגעקומען צום ראש ישיבה, מ'קען רופן די אפטיילונג 'א מופת בין איך' (מדארף נישט פאר דעם א שרייבער ווייל ס'איז אזוי ווי די מעשיות פון תפילה וואס יעדער איינער שיקט אריין).

יישר כח.

רפאל גוטמאן ארץ ישראל

*ענטפער פון די מערכת*

מיר זענען גרייט צו ארייגלייגן סיפור התקרבות פון אנשי שלומינו, אדרבה. אויב מען שיקט אריין זאל מען ביטע אריינשיקן נאכן גוט איבערקוקן דאס וואס מען שיקט אז עס האט נישט קיין טעותים.

## געטווישט די פאנט

יישר כח פארן טוישן די פאנט פון די בריון פונעם ראש ישיבה וואס מען ציטירט אינעם בלעטל אינמיטן די נייעס'לעך, יעצט איז דאס ליינבאר. יישר כח, זייער שיין.

הערשל שניטצלער קרית ברסלב

## תירוצים אויף שאלות וואס מען האט אנגעפרעגט די מערכת

לכבוד די חשוב'ע ארויסגעבער פון דעם הערליכן "קרית ברסלב בלעטל".

מיר באלעקן זיך די פינגער וואך נאך וואך מיט דעם אינטהאלטספולער און רייכע אויסגאבע, יעדע ארטיקל, נייעס, בריון, שיחה, חיזוק וכו' - איז געשמאק און באלערנד, כה יתן ה' וכה יוסיף, ביתר שאת וביתר עוז.

א. אינעם בלעטל פון פרשת בלק מערקט איינער אן אויפ'ן מנהג פונעם ראש ישיבה שליט"א צו שמעקן הדסים שבת אינדערפרי, אז ער וויל וויסן פון וואו דער מנהג שטאמט; דער מנהג ווערט געברענגט אינעם זעלבן פלאץ וואו עס שטייט וועגן שמעקן הדסים ביי די סעודה פון ביינאכט, אין שער הכוונות פונעם הייליגן אריז"ל זי"ע (דורשי קידוש ליל שבת, דרוש א', ענין סעודת שחרית דשבת): והנה עתה בסעודת שחרית דשבת וכו' הנה תבוא ותעמוד לפני השולחן במקום שאתה עתיד לישב בו וכו' ואחר כך קח בידך ב' אגודות ההדס וכו'; דער מגן אברהם ברענגט דאס אין אנהויב סימן רס"ב, און אויך ברענגט דאס דער שלחן ערוך הרב אין סימן רע"ד, סעיף ז; און אזוי האט זיך געפירט

דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו, ווי געברענגט אין ספר דרכי חיים (סימן סח).

כאטשיג עס איז נישט אונזער אויפגאבע צו פארענטפערן וואס דער ראש ישיבה, אונזער רבי - טוט, אבער לרווחא דמילתא, און בפרט אז עס איז עפעס וואס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים און אין די פוסקים, איז אפשר יא כדאי דאס צוצוצייכענען.

אגב, אינעם זמירות "זמירות ישראל" פון מוהרא"ש זי"ע איז דא א שיינע שמועס איבער דעם ענין פון שמעקן הדסים און בשמים אום שבת קודש, אויף עמוד לב.

ב. אויך איז דא א בריוו ווי איינער מערקט אן אויף דעם וואס איר האט אראפגעברענגט אינעם רובריק "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה" אז דער ראש ישיבה האט גערעדט פון די תכונה פון א הונט אז עס איז געטריי דעם בעל הבית וכו', אז לכאורה פעלט דא ווערטער, ווייל עס איז אומפארשטענדליך אז דער ראש ישיבה זאל אויסלויבן א הונט בשעת וואס ער ברענגט אריין אין אונז אן עקל און אפשיי צו הונט.

דאס זעט לכאורה נישט אויס ווי א סתירה, ווייל דער מימרא אז 'כלב' איז נוטריקון 'כולו-לב' - דאס ווערט שוין אראפגעברענגט אין די ראשונים, צוםביישפיל אין פירוש הרוקח על התורה, אויפ'ן פסוק "לא יחרץ כלב לשונו", דער מהר"ל אין חידושי אגדות אין מסכת הוריות דף יג ע"א ברענגט דאס אראפ עיי"ש, און דער בן איש חי זי"ע ברענגט דאס גאר אראפ לשבח, אין בן יהוידע סנהדרין דף צ"ז ע"א, אויף דעם וואס חז"ל זאגן "פני הדור כפני הכלב", אז די פני הדור וועלן זיין הארציגע מענטשן, אזוי ווי די הונט וואס איז כולו לב; און אזוי ווערט דאס אראפגעברענגט אין נאך פילע פלעצער, און פארשטייט זיך די ירושלמי וואס דער ראש ישיבה האט געברענגט.

עכ"פ דאס רעדן איבער די וואונדערליכע תכונה פון הונט, וואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט אין זיי, איז נישט קיין סתירה צו די עקל וואס דער ראש ישיבה שליט"א פאדערט פון אונז אריינצוברענגען אין די קינדער קעגן הונט.

ג. אינעם פריערדיגן נומער, בלעטל קלג, שרייבט איינער א בריוו איבער א מקור צו די מעשה וואס מוהרא"ש זכותו יגן עלינו האט דערציילט און איז געדרוקט אינעם קונטרס "איך וויל בלייבן צווישן אייך" וואס איר האט געדרוקט אין בלעטל נומער קל.

עס איז ריכטיג וואס איר האט געשריבן אז דאס ווערט אראפגעברענגט אין א קונטרס פון מוהרא"ש זי"ע, און דאס איז די מקור. אבער איך האב זיך דערמאנט אז ווען איך האב געהאט די זכי' צו מגיה זיין דעם קונטרס צוזאמען מיט ר' יואל פארקאש ני"ו גבאי נאמן בית המדרש היכל הקודש העיס, מיט עטליכע יאר צוריק, איז אונז פונקט אונטערגעקומען א ספר וואו עס ווערט אראפגעברענגט די מעשה, און עס איז שטארק מעגליך אז מוהרא"ש האט גענומען די מעשה פון דעם ספר. דער ספר הייסט מרגניתא דבי רבנן, א קליין ספר'ל, א ליקוט פון מעשיות פונעם הייליגן בעל שם טוב ותלמידיו זכותם יגן עלינו, די מעשה ווערט אראפגעברענגט אויף עמוד קע.

אסיים מעין הפתיחה, דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די הערליכע ארבעט, אויפלייכטן אידישע שטובער מיט'ן הייליגן רבינ'ס עצות, ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז.

בכבוד והערכה

יואל שניטצלער קרית ברסלב

צום פינטל

שמאי שטראוס

# נישט יעדע טָול קען מען ניצן אלעמאל

עס זענען דא זאכן וואס מען ניצט נישט, איך וועל דיר געבן א דוגמא, שבת איז דא זאכן וואס מען טאר נישט אנרירן.

**נ.ב.** איך ווייס נישט צו דו האסט באמערקט, איך ניץ דירעקט נישט די ווארט '**מוקצה**' ווייל איינמאל א מענטש הערט א לשון פון הלכה, איינמאל ער זעט אין אן ארטיקל א לשון הקודש ווארט, געבט ער א מיש אוועק, אקעי נעקסט... איך וויל מיך יעצט אויסלופטערן... איך וועל לערנען אין בית המדרש... דריי מיך נישט אריין אין א שיעור, ברענג מיר נישט קיין גמרות מיט קיין הלכות.

התנצלות: הגם בעצם דארף מען נישט טראכטן אזוי, ווייל אז איך האב דער פעדער אין האנט, דארף איך שרייבן ווי אזוי איך האלט אז עס א י ז ריכטיג צו שרייבן, און ווער עס וויל נישט ליינען איז עס זיין פארלוסט, אבער די זאך וואס מיר גייען בעזרת השם דא אויסקלארן איז צו א וויכטיגע זאך אז מען זאל עס פארפאסן און נישט ליינען.

נחזור לענינינו. איינע פון די מוקצות פון שבת איז "מוקצה מחמת חסרון כיס" זאכן וואס זענען זייער טייער, עס ווערט ספעציעל אפגעהיטן, די טייערקייט דערפון מאכט עס ס'זאל זיין אפגעשיידט אז מען זאל עס נישט טארן אנרירן אום שבת, למשל א מוהל מעסער, עס זענען דא וואס זאגן אז א פאספארט איז מוקצה מחמת חסרון כיס, יעדע זאך וואס ווערט אוועקגעלייגט מיט א חשיבות אויף א באשטימטע פלאץ טאר מען שבת נישט רירן.

***

עס זענען דא זאכן וואס מען געבט זייער אכטונג דערויף, און מען דארף טאקע זייער אכטונג געבן, "דאס קען מען נישט ארויסנעמען יעצט, דאס האט צו א שטארקע חשיבות", לדוגמה פרייטאג צונאכט'ס אינמיטן די סעודה, מען ברענגט אריין א טייערן מאסקעט א גוטער ווין, אבער די ווין עפענער איז נישט צום געפינען, אלע ברעכן זיך קאפ ווי אזוי גייט מען עפענען דאס באטל, שוין געווען ביים שכן, שוין פראבירט אלעס, אבער דער ווין איז פארשפארט. פלוצלינג לויפט אריין דער קליינער מיט איין שמחה: "טאטי! איך האב געטראפן א מעסער אפשר מיט דעם קען מען עס עפענען!" עס ווערט דיר שווארץ און גרין פאר די אויגן, ער האט געלייגט א האנט אויף די מעסער וואס דו האלטסט אינמיטן שארפן, זיך לערנענדיג ווי אזוי צו שטעלן א חלף - א שוחט מעסער, די נשמה פליט דיר כמעט ארויס, אבער ער שרייט מיט איין שמחה: "טאטי מיט דעם קען



מען עפענען די באטל".

דא איז שוין נישט נאר דער פראבלעם אז עס איז מוקצה, נאר א דיני נפשות שאלה, נישט קוקנדיג יעצט אויפן פאקט אז דו געבסט אכטונג אויף דעם מעסער מיט זיבן אויגן אז עס זאל נישט באקומען קיין קראץ, אבער וואס איז שוידערליכער פון שוידערליך איז דאס אז דיין זון האלט דעם שארפן מעסער אין די הענט. דיינע מחשבות הייבן אן לויפן מיט א אומהויפערליכע שנעלקייט טראכטנדיג "אמת, איך וויל זייער שטארק טרינקען דעם וויין, דער עונג שבת וואס דאס גייט מיר פארשאפן איז עפעס גאר ספעציעל, נישט אומזיסט האב איך איבערגעלאזט ביים וויין סוחר געציילטע הונדערטער באנקנאטן אז ער זאל מיך ערלויבן ארויסצושפאצירן מיט דעם טייערן וויין, אבער דאס לעבן פון מיין קינד איז מיר וויכטיגער, און איך אליין וואלט אויך נישט גניצט דעם מעסער צו עפענען דערמיט דאס וויין באטל ווען איך טראכט וואספארא כוחות איך האב אריינגעלייגט אין דעם אז עס זאל זיין חד וחלק, נישט האבן קיין פגימה עס זאל זיין כשר צו שחט'ן דערמיט".

מיט איין אטעם קומט ארויס דער געשריי פון דיין מויל "**געב אכטונג! איך בעט דיך געב אכטונג! איך בעט דיך זייער געב אכטונג!** עס זענען דא זאכן וואס מען טאר נישט ניצן בשום פנים ואופן, ווי וויכטיג מיר דארפן דעם חפץ, **אבער נישט יעדע טָול קען מען ניצן אלעמאל**".

***

איך האב געכאפט א היטש מיט איינעם, ווען אין קאר ארבעט א טעיפ, א סידי, MP3, וואטעוווע"ר, איך קען נישט נאכיאגן די נעמען פון אלע נייע כלים... בקיצור איינע פון די כלים וואס געבן ארויס מענטשליכע שטומע'ס..., הער איך א בעל דרשן, ווי ער רעדט מיט אזא זאפט, ממש א מחיה, עס איז א שיעור אין הלכות לשון הרע, ער צולייגט אזוי שיין די הארבקייט פון רעדן לשון הרע, איך באלעק מיך די פינגער, יעדע ווארט איז ממש פערל, די מעשיות, די משלים, אוי זאגט ער גוט, איך פיל ווי ער האט גע'פועל'ט, איך נעם מיך פאר, וואס דארף איך רעדן פון א צווייטן, ער איז דאך נישט מער ווי גערעכט, עס איז דאך טאקע געפערליך צו רעדן לשון הרע.

ער שפינט ווייטער זיין דרשה איבער די הארבקייט פון רעדן לשון הרע, און פלוצלינג ווערט מיר שלעכט, ער ציטירט ווערטער פון הייליגן זוהר: "ווער עס רעדט לשון הרע ווערן די טויערן פון הימל פארמאכט פאר אים, זיינע תפילות ווערן נישט אויסגעהערט פאר פערציג טעג. איינער וואס רעדט לשון הרע איז מנודה, ער ווערט פארווארפן". דא האב איך שוין נישט געקענט הערן מער, גענוג! איך טראכט צו מיר רבונו של עולם, אלע הערן דאך אים אויס, ער איז דאך 'דער' בעל דרשן... מיטן ה"א הידוע.

די געשעעניש האט מיר געעפענט קעמערליך אין מיין מוח, פארשטויבטע מימרות וואס איך האב אלס געהערט און געזען במשך מיין לעבן, זענען מיר פלוצלינג ארויפגעקומען, דא א ווארט פון א מגיד שיעור, דא א מימרא וואס הענגט אויפ'ן וואנט אין בית המדרש, דא א מוסר פארציע פון א מלמד. עס איז מיר ארויפגעשווימען זכרונות, און איך טראכט צו מיר נישט אומזיסט האט מיר דער אייבערשטער צוגעפירט איך זאל הערן, איך זאל מיך דערמאנען אביסל די שפראך.

עס איז מיר געוועזן א גוטער ווע"יק א"פ קא"ל, איך טראכט צו מיר, רבונו דעלמא כולה, דאס הערן דיינע קינדער? מיט דעם פיטערט מען אונז? נעבעך וויפיל אידישע קינדער האבן אפגעהאקט זייערע קאנטאקט מיטן אייבערשטן וועגן אזעלכע דרשות, וואס זיי האבן געהערט פון מגידים, רבי'ס, רבנים, ראשי ישיבות, מגידי שיעור, מנהלים, מנהלות, לערערינ'ס. בפרט ביי די פרווען די בעלי דרשניות כאפן זיך צו צו

אזעלכע שטיקלעך ווי צו געבראַטענס... (איך רעד נישט פון דעם וואס רוב מאל ביי די רעדנערינס איז דער איינציגער מקור ווי עס ווערט געברענגט דעם מאמר אז אויב מען טוט דאס און דאס איז מען שוין א פארשניטענער אויף אייביג, וועט מען שוין נישט זען דעם אייבערשטן, איז נישט מער ווי אירע צעטלעך וואס זי האט זיך פארגעשריבן פאר'ן געבן איר אויפטראג... זי איז גאר דער מקור ראשון...) אבער אפילו די הייליגע מאמרי חז"ל וואס יעדעס ווארט איז ביי אונז הייליג און טייער, דארף מען אויך אכטונג געבן וואס מען ניצט, און ווען מען ניצט, ציטירן ווערטער פון זוהר פון חז"ל אז 'די טוסט די עבירה האסטו שוין נישט קיין תקנה', 'אויף דעם קען מען נישט תשובה טון', 'ווי לאנג די האסט נישט תשובה געטון, גייט דיין תורה פאר די סטרא אחרא', די אלע מאמרים זענען אונז ליידער גוט באקאנט, און מיר ווייסן ווי עס האט אונז געטראגן, נענטער צום אייבערשטן? אדער נאר דערווייטערט פון אייבערשטן??

**נישט יעדע טָול קען מען ניצן אלעמאל**, איך פארשטיי די ווילסט עפענען דיין טייערע וויין באטל, האסט אראפגעלייגט דערפאר עטליכע פון די בלויע באנקנאטן, דיין גאנצע עונג שבת קען צושטערט ווערן, אבער דאס מאכט נאכנישט אז די זאלסט פארלירן דיין דעת און ניצן נישט עפעס אנדערש פון א חלף... צו עפענען דעם באטל.

אז איר ווילט ארויסברענגען די הארבקייט פון אן עבירה, האב איך פאר אייך נייעס, די עבירה פון וואס איר רעדט איז נאך אסאך ערגער ווי איר מיינט, עס איז נישט דא נאך אזא שאדן פאר די וועלט ווי ווען א אידיש קינד טוט עפעס וואס איז קעגן דעם ווילן פון אייבערשטן, עס איז פיל פיל ערגער ווי איר - טייערער בעל דרשן - מיינט.

אבער איר קענט נישט ניצן 'מכל הבא בידך' כדי דאס צוריקצוהאלטן, עס זענען דא זאכן וואס מען שפילט זיך נישט דערמיט, אז דו זאגסט פאר א קינד אז די טוסט די עבירה האקסטו אפ מיט'ן אייבערשטן, און אז די טוסט דאס קענסטו שוין נישט תשובה טון, אז דו ווארפסט פאר א איד מיט די ווערטער פון די משנה 'אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה', אז דו זאגסט א שיעור אין הלכות שעטנז און די פלעכסט אריין דאס וואס עס ווערט געברענגט פון טייל אחרונים 'אז איינער וואס גייט מיט שעטנז ווערן זיינע תפילות נישט אנגענומען פאר פערציג טעג', יעדער בעל דרשן מיט זיינע געצייג (טו"ל'ס בלע"ז) מיט וואס ער וויל עפענען א אידיש הארץ נענטער צו ברענגען צום אייבערשטן, איר דארפט אבער וויסן, **נישט יעדע טָול קען מען ניצן אלעמאל**.

א מוהל מעסער ניצט מען טאקע יעדן טאג, כלל ישראל פארמערט זיך טעגליך כ"י, עס קומען ברוך השם פאר יעדן טאג הונדערטער ברית'ן פאר פריש געבוירענע אידישע יונגלעך איבער דער גארער וועלט, א שוחט מעסער ניצט מען פיר און צוואנציג שעה רינגס ארום דעם זייגער כדי צו צושטעלן כשר פלייש פאר כלל ישראל, אבער ווער ניצט עס...? ווען ניצט ער עס...? ווי אזוי ניצט ער עס...? ווי לאנג האט דער שוחט/מוהל געארבעט אויף דעם אז ער זאל וויסן ווי אזוי דאס צו ניצן...?

איר זענט גערעכט, א מאמר חז"ל בלייבט מאמר חז"ל, א ווארט פון הייליגן זוהר איז חי וקיים, מיר גלייבן אז **'זאת התורה לא תהא מוחלפת'** יעדעס ווארט וואס די הייליגע חכמינו הקדושים זאגן איז אמת און וואר א מיליאן פראצענט, אבער אפשר האט די מימרא פארשריפטן?? ווער האט דיר געגעבן רשות זיך צו באניצן מיט דעם ווען דו ווילסט, ביסט דאך פונקט ווי דער קינד וואס קומט צו לויפן מיט איין שמחה ווען ער זעט זיין טאטן זיך מיטשענען צו עפענען וויין באטל, ער האט א לעזונג...

א חלף...

אז דו רעדסט צו אידישע קינדער, דארפסטו טראכן "קען איך יעצט דא ניצן דעם מאמר חז"ל, ווער ווייסט צו דאס איז נישט א מעסער וואס קען צושניידן - בעסער געזאגט וואס האט שוין צושניטן - אזוי פיל בחורים, אזוי פיל מיידלעך, אזוי פיל אינגעלייט אזויפיל ווייבלעך, און זיי אפגעריסן פון זייער שורש".

און איך וועל דיר זאגן נאך מער... אזויפיל קליינע קינדער, קליינע אינגלעך קליינע מיידלעך, וויפיל קינדער שטייען יעצט, ווי מען זאגט... ע"ז וו"י ספי"ק און האבן שוין אפגעמאכט שטילערהייט אין זייער יונג קעפעלע, עה! דאס גאנצע אידישקייט איז נישט פאר מיר, וועגן א מאמר חז"ל וואס אן אומערפארענער מלמד האט אין זיי אריינגעלייגט רח"ל, אודאי גייען זיי מיט די שיין געקרייזלטע פייקעלעך, און די מיידלעך מיט די ערליכע לבוש, אודאי זעסטו פון אינדרויסן גארנישט קיין חילוק, אבער טיף אין הארץ האבן זיי שוין באקומען דעם מעסידזש "איך דאווען נישט", "איך בין שוין סיי ווי אין חרם", "איך בין שוין סייווי פארשניטן פונעם אייבערשטן", "דער אייבערשטער עקלט זיך שוין סיי ווי פון מיר", "סיי ווי פערציג טעג דארף איך שוין נישט דאווענען, ווייל איך בין געגאנגען... ווייל איך האב געטון... ווייל איך האב גערעדט... ווייל איך האב געקוקט..."

אינרויסן זעט מען גארנישט, זיי ווארטן זיי זאלן גענוג גרויס ווערן, אז זיי זאלן זיין קוואליפייד צו ווארפן דעם אייבערשטן, די תורה, און אלע ערליכע אידן איבערן דראנג רח"ל, וועגן מוסר שמועסן, דרשות, און שיעורים וואס האט זיי געזאלט אפהאלטן פון ארויסקוקן פון שמונה עשרה, זיי אפהאלטן פון רעדן לשון הרע, אבער מען האט געניצט דעם נישט ריכטיגן געצייג און זיי מיט דעם צושניטן.

'על זה דוה לבינו על אלה חשכו עינינו' אוי! ווי געוואלד! טאטע זיסער, איך וויין, ווי גרינג איז צוצוקלעבן א אידיש קינד צו דיר, און ווי געוואלד... ווי גרינג איז אפצוהאקן א אידיש קינד פון דיר.

שומו שמים איר זענט אויפ'ן קאפ געפאלן? ווי מעגט איר רעדן פאר אידישע קינדער? נישט קיין חילוק צו איר רעדט פאר פיר יעריגע קינדער צו איר רעדט פאר זיבעציג יעריגע, צו איר רעדט פאר די נשים צו איר רעדט צו די אנשים.

וויפיל קינדער האבן נעבעך אפגעלאזט די גמרא, וויפיל אינגעלייט האבן נעבעך אפגעלאזט אידישקייט, וויפיל מיידלעך האבן נעבעך אוועקגעווארפן אלעס, וויפיל ווייבלעך האבן איבערגעלאזט דעם זיסן אידישן וועג, נאר צוליב אזעלכע מימרות, וואס זיי האבן געהערט פון זייערע מגידים ומגידות.

געדענק דעם מאמר החכם: **'זאכן וואס זענען שעדליך, געהערן צו ליגן פארשפארט אין לעדלעך'.**

בהשגחה פרטיות זאגט מיר מיין אידענע אז זי איז נעכטן געווען ביי א שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס מען האט אויפגעשפילט פאר די פרויען, זאגט דער ראש ישיבה מורא'דיגע ווערטער: "אוי הלוואי זאל מען אין די גאנצע וועלט הערן די ווערטער, אוי! הלוואי זאל מען איבערטייטשן די ווערטער אויף זיבעציג שפראכן, געבן דעם טראפ שכל פאר מענטשן וואס טרעטן אויף און רעדן פאר אידישע קינדער", זאגט דער ראש ישיבה שליט"א בתוך הדברים ביים שיעור: "איך זאג ענק וואס עס איז גוט צו טון, און איך וועל זאגן נאכאמאל און נאכאמאל, איך וועל ארויסברענגען אויף אלע וועגן אז איר זאלט כאפן אז די תורה, די מצות, צניעות, ערליכקייט,





אייבערשטער, גוטע חינוך, שלום בית, די אלע זאכן זענען זיס, די אלע זאכן זענען גוט, אבער אז איינער פאלגט נאך נישט, ווערט ער נישט אויס תלמיד, אז איינער טוט נאכנישט וואס מען לערנט דא ווערט זי נאכנישט וועגן דעם אויס תלמידה!" אוי! וואס שכל עס ליגט אין די ווערטער.

איך וועל קיינמאל נישט ניצן קיין גאן כדי דיך צו מאכן טון וואס איך הייס דיר, איך וועל קיינמאל נישט ניצן דעם טור"ם 'דו ביסט פארפאלן' 'דו ביסט אויס תלמיד' 'דו ביסט אפגעהאקט פון דיין לעבן' די האסט איבערגעהאקט דיין קאנעקשין צום אייבערשטן' זאל זיין וואס עס זאל זיין...!

און פאר אונז - פשוטע מענטש'עלעך - איז דאס א מעסידזש וואס מיר דארפן גוט גוט דערהערן, עס איז נישט דא קיין שום זאך אין די וועלט וואס קען דיך אפסטעמלפן: 'איך בין פארפאלן', 'איך קען שוין נישט רעדן צום אייבערשטן', 'איך קען מיך נישט צוריקקערן', 'מיינע תפילות זענען נישט חשוב', נישט דא אזא זאך אין די וועלט, איי די הייליגע חכמים זאגן דאך וכו'? איי דער הייליגע זוהר זאגט דאך וכו'? וואס פארשטייען מיר פראסטע נידריגע מענטשן, ווי קענען מיר ניצן זאכן וואס מיר ווייסן נישט וואס, ווען, ווי, צו ניצן, אזעלכע הייקעלע זאכן ווי דאס סאמע העכסטע זאך, זיך שפילן מיטן קשר צווישן א איד מיט'ן איינציגער לעבעדיגער באשעפער, אונזער רחמנות'דיגער טאטע, מיט דעם קען מען נישט ארומשפילן.

צום שלוס! לאמיר יעצט אלע אינאיינעם פראטעסטירן קעגן דעם סמ"ך מ"ם וואס וויל - פאר יעדן פרייז אין די וועלט - אונז אפרייסן פונעם אייבערשטן, אידן זענען גוט אידן זענען וואויל, און די אלע מגידים זענען אויך גוט און וואויל, זיי מיינען חס ושלום נישט קיין שלעכטס, עס איז פשוט דער סמ"ך מ"ם שטייט דערינטער, איז לאמיר פראטעסטירן לאמיר צוזאמען עפענען די מויל מיט א קליינע ווארט צום אייבערשטן (נישט קיין תפילה... נישט קיין התבודדות...) פשוט א ווארט, אזוי ווי א קינד רעדט צו זיין מאמע (טראכט: אייבערשטער): "מאמי איך האב דיך אזוי שטארק ליב, מאמי קיינער קען מיך נישט פארשטיין נאר דו, מאמי העלף מיר, געב מיר עסן ווייל איך בין אזא רחמנות, מאמי וויש מיך אפ, מאמי באד מיך אפ, מאמי אויב נישט דו ווער דען וועט זיך אומקוקן אויף מיר? ווער דען וועט מיך אפוואשן?" דאס וויינט א פיצל בעבי צו זיין מאמע.

די זעלבע ווערטער זאגן מיר פארן אייבערשטן "באשעפער, זיי נישט ברוגז אז איך פארשמיר מיך נאכאמאל און נאכאמאל, ווער דען - אויב נישט דו - קען מיך אפוואשן, ווער דען - אויב נישט דו - קען מיך אפווישן, און פונקט פארקערט ווי איך טראכט, אז יעצט איז נישט די צייט צו רעדן צום אייבערשטן, ניין טאקע יעצט ווען איך בין אזוי אין דער ערד, איך בין מנודה לשמים, און בין פאר'פיינט'עט ביי אלע צדיקים, אלע ספרים זענען קעגן מיר, (אזוי זאגט מיר מיין נארישע שכל) אפילו צו דיר - זאגט יעדער - אז איך קען נישט רעדן מער, מיינע תפילות ווערן נישט אנגענומען, נו! אין אזא מצב בין איך דאך הערשט, און דאס מערסטע אנגעוויזן אויף דיר טאטע זיסער, טאקע יעצט ווען איך בין אין אזא טיפן אפגרינד ווען עס איז מיר ביטערער פון ביטער ווער דען קען מיך פארנעמען, ווער קען מיך דערהייבן, ווער דען קען מיך פארשטיין, ווער דען קען מיך אפוואשן, ווער קען מיך אויסהערן, אויב נישט דו טאטע".

אוי וואס פארא רעש דאס מאכט אין הימל, אוי ווי עס שפאלט הימלען, אוי ווי דאס ברענגט ישועות פאר אידישע קינדער, ווען דער צוהאקטער צובראכענער פאר'פיינט'ער מנודה'דיגער זאגט די פאר ווערטער פארן אייבערשטן: "אייבערשטער, איך בין אויף אזעלכע צרות, עס איז נישט דא קיין גלייכן צו מיר, העלף מיר!"

**'האומר אחטא ואשוב, אין מספיקין'**... זענען מיר נישט מסופק אז 'בידו לעשות תשובה' (בעל שם טוב הקדוש).

# שטעטל נייעס

## סיום הש"ס פון א אינגער בחור



א ערליכע סיום הש"ס איז פארגעקומען אין אינגל קעמפ פארגאנגענעם מיטוואך פרשת בלק, פון הבחור בנימין זאב זוסמאן נרו יאיר וואס וואוינט אין קרית ברסלב ליבערטי.

בנימין זאב האט אנגעפאנגען צו לערנען ש"ס כסדרן צוויי אהאלב יאר צוריק, בשעת גאנץ כלל ישראל האט נאכאמאל אנגעהויבן לערנען ש"ס א דף א טאג, בנימין זאב האט נאך דעמאלט געוואוינט אין טאהש, און דארט האט ער אויסגעניצט די צייט און געלערנט איין בלאט נאכן צווייטן, אזוי ווי דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס, אסאך טעג פלעגט ער לערנען איינס אדער צוויי בלאט, און אסאך טעג האט ער געלערנט אסאך מער בלעטער גמרא.

ביז ער איז אנגעקומען צו ווי מען שטייט יעצט און ער האט זוכה געווען צו מסיים זיין גאנץ ש"ס, אלס אינגער בחור פון דרייצן יאר, דאס איז א זאך וואס מען הערט נישט אזוי אפט, און דאס איז גאר שטארקע נייעס וואס דארף ווערן ארויסגעברענגט מיט גרויסע קידוש לבנה אותיות, עס ווייזט אז די תורה איז געמאכט פאר יעדן איינעם, אנגעהויבן פונעם קלענסטן און געענדיגט ביים גרעסטן, יעדער האט א חלק אין די תורה.

דער ראש ישיבה איז ספעציעל געקומען זיך באטייליגן ביים סיום וואס איז געפראוועט געווארן אין אינגל קעמפ, צוזאמען מיט אלע קינדער פון קעמפ, וואס האבן צוגעקוקט מיט קנאה וויאזוי זייער חבר האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס, און זיי ווילן אויך זוכה זיין צו דעם.

בנימין זאב האט געמאכט די סיום, דערנאך האט מען געזינגען צוזאמען ניגונים פון תורה, דערנאך האט זיין טאטע ר' אשר לעמל זוסמאן הי"ו גערעדט אפאר ווארימע ווערטער פון הארץ, און געדאנקט דעם אייבערשטן ברבים פאר די לעכטיגע מתנה וואס ער האט אים געשאנקן אז זיין זון האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס. (מער א ברייטערע שמועס פונעם טאטן קען מען הערן אויף קול ברסלב, ביים נייעם אפטיילונג פון "א איבערבליק מיט די ברסלב'ע ברודער" פרשת בלק, 212-444-9191 דרוקט איינס פאר אידיש, 7 און דערנאך 8).

דערנאך האט מען געהערט א ערליכע שיעור פונעם ראש ישיבה, וואס האט ארויסגעברעגנט לשבח פון בנימין זאב וואס לערנט אזוי פלייסיג יעדן טאג, און אויך הערט מען צוריק גוטע גריסן אז די קינדער לערנען גוט, און מען שפילט גוט, און מען לעבט באחדות איינער מיט'ן צווייטן, און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן מיט א מורא'דיגע לשון "איך בין זיכער אז מוהרא"ש קוקט אראפ פון הימל און האט מורא'דיגע נחת אז ער האט איבערגעלאזט אזא שיינע קהילה, אזא שיינע תלמוד תורה, אזא שיינע מחנה.

ביים סוף האט דער ראש ישיבה געזאגט "קינדער, קוים איז מען געקומען אין קעמפ, און מען גייט שוין באלד אהיים, מען גרייט זיך שוין צו פארן אויף אומאן צום הייליגן רבי'ן, דארפט עטץ זעהן אויסניצן די צייט צו זאגן פרקים משניות און דפים גמרא. אין קעמפ דארף מען זיך פארטראגן מיט יעדן קינד, מען דארף זיין "ברסלב - לב-בשר" א ווייך הארץ צו א צווייטן איד.

און דער ראש ישיבה האט צוגעענדיגט: פארוואס פאסט מען שבעה עשר בתמוז? נאר ווייגן מען האט זיך נישט ליב געהאט, מען דארף ליב האבן א צווייטן אפילו יענער איז נישט דיין סטייל, ער טוט אן זיין גלעזער אויף די פיאות, און דו טוסט אן די גלעזער אינטער די פיאות, אים דארפסטו אויך ליב האבן. א איד איז אמאל געקומען צו זיין רבי אז ער האט געענדיגט לערנען גאנץ ש"ס, האט אים דער רבי געזאגט "און וואס האט ש"ס 'דיר' געלערנט? מען דארף זען צו האבן גוטע מדות

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע לערנען תורה א גאנץ לעבן, נישט אפלאזן די משניות און די גמרא.

# היכל הקודש נייעס

**אמעריקע**

## "א איבערבליק פון די וואך מיט די צווי ברסלב'ע ברודער" אויף קול ברסלב



א נייע גאר אינטערעסאנטע אפטיילונג איז נארוואס געעפענט געווארן אויפ'ן באר־מטן קול ברסלב טעלעפאן ליין מיטן נאמען "איבערבליק פון די וואך - א שמועס מיט די צווי ברסלב'ע ברודער", וואס וועט בעזרת השם אנגיין יעדע וואך.

א גאר אינטערעסאנטע אינהאלטספולע שמועס מיט די צוויי ברודער מ"ה יואל הי"ו און מו"ה אברהם הערש הי"ו וועבערמאן, דער שמועס וועט מען אם ירצה השם קענען טרעפן אויף טעלעפאן ליין דורך דרוקן 7 דערנאך 8 פון די מעין מעניו, דער שמועס וועט זיך קאנצעטרירן איבערצוגיין די נייעס פון היכל הקודש, און נייעס פון די וועלט, מיט אינטערוויוס פון פארשידענע מענטשן.

כדי צו געבן אביסל צו טועם זיין פון דעם נייער אפטיילונג, וועלן מיר אין קורצן איבערגיין דעם שמועס פון די וואך וואס האט גענומען בערך פערציג מינוט.

מען האט צום ערשט איבערגעשמוסט די געשמאקע שיעור פונעם ראש ישיבה יעדע נאכט 8:30 אינעם ספר סיפורי מעשיות וואס ציעט אנשי שלומינו פון נאנט און ווייט. אויך האט מען גערעדט פון די געשמאקע דף שיעור פונעם ראש ישיבה יעדן אינדערפרי פארן דאווענען טיעף אין וואלד, וואס דערנאך איז דא א חיזוק שמועס. ר' יואל וועלכע באטייליגט זיך אין דעם שיעור אינדערפרי האט נאכגעזאגט פון ראש ישיבה א ווארט. ר' אברהם הערש וועלכע קומט צום שיעור ביינאכט האט איבערגעזאגט א ווארט פון די שיעור ביינאכט.

מען האט פארציילט איבער די סיום הש"ס פון הב'חור בנימין זאב זוסמאן נרו יאיר א בחור'ל פון קוים דרייצן יאר, וואס איז פארגעקומען אינעם נייעם ברסלב'ער אינגל קעמפ "אילן החיים" מיט די באטייליגונג פון ראש ישיבה, מען האט ארויפגעברעגט דעם טאטן מו"ה אשר לעמל הי"ו צום שמועס, וואס האט איבערגעגעבן א באריכט פונעם סיום.

מען האט דערמאנט אז דער ראש ישיבה גייט שרייבן א פירוש אויפן הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן, און אז דער ראש ישיבה זאגט אז ער האט נאך אפילו נישט אנגעהויבן מיט וואס ער וויל נאך טון.

מען האט גערעדט איבער דעם וואס מען האט צוטיילט די ישיבה פון בית המדרש, אינגעלייט זענען אויבן, און די בחורים אונטן. און זונטאג האבן פילע אינגעלייט וואס ארבעטן נישט געוואלט קומען מיטהאלטן אין ישיבה, און דער ראש ישיבה האט זיי ארויס געשיקט זאגענדיג אז דאס איז נאר פאר די בחורים. מען האט גערעדט איבער דעם צי ווען דער ראש ישיבה פארשיקט איינעם מיינט עס אז מען דארף טאקע אוועקגיין, און מען האט געבעטן אז די צוהערער זאלן ארייננשיקן זייער מיינונג דורכן אימעיל.

מען האט ארויפגעברענגט אויפן טעלעפאן מו"ה יוחנן שור הי"ו פון ירושלים, וואס האט פארציילט איבער די שמחה פון מו"ה שמעון עוזר פערל הי"ו וואס האט חתונה געמאכט א טאכטער בשעה טובה ומצלחת.

מען האט אים געפרעגט איבער פרעזידענט ביידענ'ס באזוך אין ארץ ישראל. אויך האט ר' יוחנן פארציילט אז דער ביהמ"ד היכל הקודש אין ירושלים איז פריש, עס איז דא א נייע שיעור אין א דף גמרא יעדע נאכט דורך מו"ה משה שמואל שטעסל הי"ו, און אדאנק משה שמואל איז דער בית המדרש אפן אויך אינדערוואכן, מען דאווענט מנחה מעריב, און מען לערנט זיך יעדער זיינע שיעורים.

צום סוף האט מען איבערגעלאזט א אימעיל אדרעעס פאר הערות און קאמענטארן bbbreslev@gmail.com.

# "מעשיות פון תפילה"



## יצחק אהרן וויינבערג - קרית ברסלב:

איך האב פארלוירן מיין בינטל וויכטיגע שליסלעך, איך האב נישט געהאט קיין מושג וואו איך האב עס געקענט איבערלאזן, איך האב פרובירט צו טראכטן וואו איך האב זיך געדרייט אין די צייט פון ווען איך האב די לעצטע מאל געהאט די שליסלעך אבער אן ערפאלג, איך האב נישט געהאט קיין שפיר פון די שליסלעך.

די שליסלעך צו די טיר פון מיין הויז און קאר האב איך טאקע נישט געהאט, אבער דער שליסל וואס עפנט אלע טויערן האב איך יא, ווי דער ראש ישיבה לערנט און חזר'ט מיט אונז כסדר אז תפילה איז די 'מייסטער שליסל' צו אלע טירן. האב איך זיך באנוצט מיט דעם מייסטער שליסל און געבעטן דעם אייבערשטן אויף מיין אייגענעם שפראך אז איך זאל טרעפן מיינע שליסלעך.

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר תפילות זענען די פארלוירענע שליסלעך אפיר געקומען, זיי זענען געווען באהאלטן אינטער א פאפיר אויפ'ן טיש.

## מנשה איצקאוויטש - בארא פארק:

שכח אייבערשטער אז איך קען נאך א יאר זיין מיט אנשי שלומינו דורכאויס דעם זומער, און דאסמאל אינעם נייעם נארוואס אפגעקויפטן קאנטרי 'מחנה אילן החיים'.

איין טאג האב איך געדארפט פאררעכטן א קליינע זאך און ס'האט זיך אויסגעפעלט א געוויסע שטארקע קלעב, וואו טרעפט מען אין קאנטרי א זאך וואס קוים אינדערהיים איז עס דא? וואו מען טרעפט האב איך געזאגט?? מיט תפילה קען מען אלעס טרעפן אלעמאל, מ'דארף נאר עפענען דאס מויל און בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל און וואס מען דארף.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער, העלף איך זאל קענען האבן דעם קלעב וואס איך דארף, כדי צו קענען פאררעכטן די זאך".

שכח אייבערשטער, מיין זון האט געגישטערט אין מיין באנגעלאוי צווישן די זאכן וואס זענען איבערגעבליבן פון די אלטע בעלי בתים און געטראפן דארט געטראפן נישט עפעס אנדערש ווי דער געוויסער קלעב וואס איך דארף אזוי וויכטיג. שכח אייבערשטער אז מיר ווייסן פון די זאך 'תפילה'.

## שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל, קאנאדא:

לענגאויס דעם זומער ארבעט איך אין א קאנטרי, דער קאנטרי איז ווייט פון שטאט בערך א שעה אהאלב, און ס'איז נישט דא קיין, גראסערי, בעקערי, און אנדערע וויכטיגע געשעפטן, וואס מען דארף ברויך מען ארויסברענגען פון שטאט. איין מאל א וואך קומט ארויס צו פארן א גראסערי אין א טראק און ס'פארט ארום צו אלע קאנטריס.

איין טאג בין איך אנגעקומען צו די קאנטרי וואו איך ארבעט ווען איך דערזעה מיך מיט מיין פרישטאג אבער קיין ברויט, איך האב עס פארגעסן אינדערהיים אין שטאט. האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען דא האבן ברויט.

ביים אנקומען האב איך געשמועסט מיט איינעם אין קאנטרי, ביים סוף האב איך אים געגעבן א פרעג (נאר ווייל איך האב געבעטן דעם אייבערשטן האב איך געהאט די שטארקייט צו בעטן) צו ער וואלט מיר ארויסגעברענגט ברויט פון זיין באנגעלאוי, דער איד מיט זיין ברייט הארץ האט אין רעזולטאט פון מיינע תפילות ארויסגעברענגט ברויט און איך האב געגעסן און גוט זאט געווארן. שכח אייבערשטער.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ"א תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז אַז אִיר זָאלְט אָפְּוַוארְטְן אֵייעֶר מַאן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל אוּן גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים וְכוּ'; **זָארְגְטְס נִישְׁט אוֹיף זַיין דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, נָאר זָארְגְטְס פַאר זַיין בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייט אִין לֶעבְּן.**

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז עֶס בַּאדֶערְט זֵייעֶר פַאר אַ מַאן וֶוען דִי פְרוֹי שְׁטֵייט אִיבֶּער אִים וִוי אַ מַשְׁגִיחַ אִין יְשִׁיבָה קְטַנָּה שְׁטֵייט אוֹיף דִי בָּחוּרִים מִיט טוֹיזְנְט שְׁאֵלוֹת: **"וואו גֵייסְטוּ?" "וואו קוּמְסְטוּ?" "וָואס טוּסְטוּ?" "וואו הָאסְטוּ גֶעדַאוְונְט?" "בִּיסְט גֶעוֶוען אִין מִקְוֶה?"** א.א.וו. דָאס הֶעלְפְּט נִישְׁט אַז דֶער מַאן זָאל זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן - עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלֶעךְ אוּן אָנְהֵייבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה, דָאס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר פְרֶעגְט מִיר, אִיר ווִילְט וִויסְן וָואס אִיז אֵייעֶר פְלִיכְט אַלְס וַוייבּ, וָואס וִויל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ; זָאלְט אִיר דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אוֹיפְהֶערְן נָאכְקוּקְן אֵייעֶר מַאן וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אוּן אוֹיבּ עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה וְכוּ' וְכוּ', נָאר אִיר זָאלְט אִים אָפְּוַוארְטְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שְׁמֵייכְל, מִיט גֶעשְׁמַאקֶע מָאלְצַייטְן אוּן זַיין גְרֵייט פַאר אִים. אַז אִיר וֶועט אַזוֹי טוּן וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן: **"אִשָּׁה כְּשֵׁרָה הָעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ"**, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): **"אֵין לְךָ כְּשֵׁרָה בַּנָּשִׁים אֶלָּא אִשָּׁה שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ"**.

עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ בַּיי יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן נָאךְ דִי חֲתוּנָּה וֶוען זֵיי זֶענֶען צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ זֶען זֵייעֶר טַאטֶע אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס לוֹיפְן אִין מִקְוֶה וְכוּ' וְכוּ' אוּן יֶעצְט זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער מַאן שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט וְכוּ', מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן; סַיי מֶען קֶען נִישְׁט אוּן סַיי עֶס אִיז נִישְׁט שֵׂכֶל'דִיג צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּנֶעם מַאן צוּ טוּן וָואס דֶער טַאטֶע טוּט.

אִיךְ קֶען זֵייעֶר גוּט אֵייעֶר מַאן; עֶר אִיז אַ טַייעֶרֶער יוּנְגֶערְמַאן, עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. זָאלְט אִיר **קוּקְן אוֹיף אִים מִיט גוּטֶע אוֹיגְן** אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט וֶוערְט מֶען נָאךְ נִישְׁט אוֹיס גוּט, דָאס אִיז אַ נַאטוּר וָואס מֶען אַרְבֶּעט אוֹיס מִיט דִי צַייט.

אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת; דִי אַלֶע שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער וָואס אִיר זֶעט קוּמְט דֶער **קְרֶעדִיט פַאר דִי קְלוּגֶע פְרוֹיעֶן**, דִי אִידִישֶׁע הֶעלְדְן וָואס הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אֲפִילוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַנְדֶערְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען. פַאר זֵיי וַוארְט אָפּ אִין הִימְל אַ שְׂכַר וָואס מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן.

**זַייטְס גֶעזוּנְט, אַ גֶעזוּנְטְן זוּמֶער.**

# א שיחה

פון דער ראש ישיבה שליט"א



## זָאל אִיךְ גֵיין וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל?

**אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס צִיעֶן אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, הָאט אִים דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** בְּנוֹגֵעַ אַרוֹיס קוּמֶען וואוֹינֶען אִינֶעם בְּרֶסְלֶב'ן שְׁטֶעטְל וְכוּ'; דָאס אִיז תָּלוּי אִין דִיר אוּן אִין דַיין וַוייבּ, וִוי אַזוֹי אִיר וֶועט מַחְלִיט זַיין וֶועט זַיין גוּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): **"מַה צְּרִיכִין לְהִתְבַּלְבֵּל? אֵיךְ שֶׁעוֹשִׂין עוֹשִׂין וּבִלְבַד שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹת רַע חַס וְשָׁלוֹם"**, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן גָארְנִישְׁט, "וִוי מֶען טוּט טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס חַס וְשָׁלוֹם"; אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם פוּן דִי תַּלְמִידִים צִי מֶען זָאל זִיךְ אַרוֹיסְצִיעֶן אִינֶעם שְׁטֶעטְל.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר עֶנְק אוֹיבּ אִיר וִוילְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן; יָא צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען דָא אָדֶער בְּלַייבְּן וואוּ אִיר וואוֹינְט, - אַז אִיר זָאלְט דָאס אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג בִּיז אִיר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה מִן הַשָּׁמַיִם. מַאךְ זִיךְ אַ תְּפִילָּה פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אוּן בֶּעט דָאס יֶעדְן טָאג: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן וואוּ זָאל אִיךְ וואוֹינֶען, זָאל אִיךְ זִיךְ אַרוֹיסְצוּעֶן קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אָדֶער בְּלַייבְּן וואוּ אִיךְ וואוֹין"**; שְׁמוּעֶס אוֹיס אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת אוּן מַעֲלוֹת פוּן דִי פְּלַאץ וואוּ דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט אוּן אַלֶע מַעֲלוֹת אוּן חֶסְרוֹנוֹת פוּן זִיךְ אַהִין צִיעֶן, דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר קְלָאר וֶוערְן אוּן קְלָאר וֶוערְן פַאר דַיין וַוייבּ וָואס אִיר זָאלְט טוּן, אוּן אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן.

דָאס טוּ אִיךְ וֶוען אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ גֵיי אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר אוּן אִיךְ וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, יָא צִי נֵיין?"** בִּיז עֶס וֶוערְט מִיר קְלָאר וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן. אַזוֹי טוּ אִיךְ - נִישְׁט אֵיין מָאל אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל נָאר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶס קוּמְט אוֹיס צוּ טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל.

# א מעשה
## פון א צדיק



### לֶעבְּן מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן חַתַ"ם סוֹפֶר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אֵיינְמָאל צוּ אַ מֶרְחָץ וֶועגְן זַיין גֶעזוּנְט, אוּן מֶען הָאט גֶעפּוֹעלְט פַאר אִים אַז עֶר זָאל זַיין בַּיינַאכְט וֶוען קֵיינֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַלֵיין אִין דֶעם פְּלַאץ וִוי עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֶועבְל וַואסֶער וָואס עֶס אִיז אַ רְפוּאָה.

דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן, וִוי עֶר אִיז אַרַיין הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אוֹיף אִים דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס, דֶערְוַוייל אִיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער פוּל גֶעוָוארְן מִיט פַּארֶע פוּן דִי הִיץ וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דֶערְשְׁטִיקְט וֶוערְן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ מִשְׁפָּטְ'ן, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה פוּן חֶנֶק?

בִּיז עֶס אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קה:) **כָּל הַמִתְעַצֵל בְּהֶסְפֵּידוֹ שֶׁל חָכָם אֵינוֹ מַאֲרִיךְ יָמִים**, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דֶעמָאלְטְס נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי דָוִד דַייטְשׁ זַ"ל, אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען, הָאט עֶר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס מוּז זַיין דִי סִיבָּה פוּן זַיין מַצָב, אוּן עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט אִים מַסְפִּיד זַיין גְלַייךְ וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיס גֵיין, אוּן ווָאוּנְדֶער אוֹיף ווָאוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען דָאס דִי שְׁוֶוערֶע טִירְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין גֶעעֶפְנְט אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעלָאזְט צֶעזַאם רוּפְן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין מֶרְחָץ אוּן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּד.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען וִוי מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:), **מִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלֹא דַיְינָא?** יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס קוּמְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן צֶדֶק. דֶערְפַאר דַארְפְסְטוּ זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן עֶס וֶועט לַייכְטְן אוֹיף דִיר אַ גְרוֹיסְן לִיכְט. ווָאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם.

* * *

רֶבִּי יוֹסֵף יוֹנָה דֶער זוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶענוּמֶען פוּן זַיין טַאטְן דָאס תְּמִימוּת, אוּן הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן הָאט גֶעדַאוֶונְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב וָוארְט בַּיי וָוארְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגְן דְבֵיקוּת, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין תּוֹרָה, חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שׁוּלְחָן עָרוּךְ, עַיִן יַעֲקֹב, מֶדְרָשִׁים, זוֹהַר, מִיט תִּיקוּנִים, וְכוּ', אוּן יֶעדְן נַאכְט אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן אַ גַאנְצְן טָאג.

זַיין אֵיידֶעם אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין שְׁוֶוער, "עֶס קוּמְט אֱלוּל מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט אוּן צוּם סוֹף טוּט מֶען גָארְנִישְׁט...". דָאס הֵייסְט, מֶען זָאגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ 'עֶר בְּרֶענְט...'. וָואס בְּרֶענְסְטוּ? דוּ בְּרֶענְסְט דָאךְ אַוֶועק דִי צַייט! דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אוּן פְרֵיילֶעךְ זַיין, אוּן דוּרְךְ גֵיין דֶער וֶועלְט גְלִיקְלִיךְ אוּן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ אוֹיף אַלֶעס וָואס סְ'גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט גֶעמָאסְטְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ

(ספר אשר בנחל חלק א')



# דעם רבי'ס נסיעה
## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 40

**פארזעצונג פון פריער:** אום פְרַייטָאג, י"ד נִיסָן, זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶערָאכְטְן בֵּיידֶע סְדָרִים אוֹיפְ'ן שִׁיף. זוּנְטָאג, דֶער צְוֵוייטֶער טָאג פֶּסַח, אִיז ר' יִצְחָק אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט צוּ גֵיין דָארְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען. נָאכְ'ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער חָכָם אִים גֶעלַאדֶענְט צוּ קוּמֶען עֶסְן בַּיי אִים. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן ר' יִצְחָק עֶר זָאל אִים אִיבֶּערְזָאגְן תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע עֶפֶּעס נָאכְגֶעזָאגְט, אוּן דֶער חָכָם הָאט זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט אוּן גֶעזָאגְט, "שִׂישׂוּ בְּנֵי מֵעַי".

...

נָאךְ דִי סְעוּדָה אִיז ר' יִצְחָק צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם שִׁיף, דֶער גַבַּאי אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט גֶעטְרָאגְן גוּטֶע מַאֲכָלִים פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

וֶוען ר' יִצְחָק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שִׁיף, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן צוּגֶעלֵייגְט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז סְ'מוּז זַיין אַז עֶפֶּעס הָאט פַּאסִירְט אַז דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוּן סְ'וֶועט נִישְׁט זַיין גוּט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ צַעַר פוּן דֶעם אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַז דֶער חָכָם הָאט גֶעצְוִוינְגֶען ר' יִצְחָק צוּ טְרִינְקֶען אַסַאךְ וַויין, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן שִׁיכּוֹר, אוּן דֶערְפַאר הָאט זַיין פָּנִים אוֹיסְגֶעזֶען טְרוֹיעֶרִיג. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס גֵייט פָאר, עֶר הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט נָאר עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה.

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן מִיט אַ שְׁמֵייכְל, "אִיר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זֵיי הָאבְּן מִיר הָאבְּן אָנְגֶע'שִׁיכּוֹרְ'ט, עֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרִינְקֶען צוּפִיל וַויין, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פְרֵיילִיךְ". עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען, אַלֶע וָואס דֶער חָכָם הָאט גֶעטוּן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן פְרֵיילִיךְ אוּן הָאט דַאן גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה.

מָאנְטָאג, דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג חוֹל הַמוֹעֵד, אִיז ר' יִצְחָק אַרַיין אִין שְׁטָאט זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְ'ן חָכָם, דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען שְׁטִילֶערְהֵייט אַלֶע גֶעלְט וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְ'ן שִׁיף אוּן עֶס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטָאט, כְּדֵי דִי אַרַאבֶּער זָאלְן עֶס נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען. אוּן עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער חָכָם אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען מִיט צְוֵויי גְבִירִים צוּם קַאפִּיטַאן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "גֶעב אוּנְז דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן". דֶער קַאפִּיטַאן הָאט אָבֶּער גֶע'טַעֲנָה'ט, "וָואס הָאט אִיר מִיט דִי מֶענְטְשְׁן? אִיךְ הָאב זֵיי בַּאקוּמֶען פוּן הֶפְקֵר", עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַלֶע שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן וָואס זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט אוֹיפְ'ן יַם, אוּן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹיסֶער דִי אַלֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאב אַייךְ דֶערְצֵיילְט, הָאבְּן מִיר מִיטְגֶעמַאכְט נָאךְ גָאר אַסַאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג, סְ'אִיז מַמָשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען אֵיין מִינוּט אָן קֵיין צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן מִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעקֶענְט אַרַיינְוַוארְפְן אִין יַם אָדֶער זֵיי פַארְקוֹיפְן פַאר אַרַאבֶּער, אוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע גֶעלְט אוּן חֲפֵצִים וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט נֶעמֶען אָן קֵיין שׁוּם שְׁוֶועריקֵייטְן. וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז זֵיי הָאבְּן גָאר אַ גוּטְן מַזָל, וַוייל נִישְׁט גֶענוּג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט זֵיי אַזַא נֵס אַז דִי שִׁיף אִיז פְּלוּצְלִינְג אָנְגֶעקוּמֶען אַהֶער, נָאר זֵיי הָאבְּן נָאךְ גֶעהַאט מַמָשׁ אַ נֵס בְּתוֹךְ נֵס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן פַארְדְרֵייט אוּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען דֶעם שֵׂכֶל אַז אִיךְ הָאב מִיטְגֶענוּמֶען אֵיינֶעם פוּן זֵיי אַרַיין אִין שְׁטָאט. יֶעצְט טָאר אִיךְ אָבֶּער גָארְנִישְׁט טוּן צוּ זֵיי, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט נֶעמֶען זֵייעֶר גֶעלְט. אִיךְ וִויל אָבֶּער נִישְׁט אַז מַיינֶע קְנֶעכְט זָאל זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר מִיר גֶעבְּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט טָאלֶער אוּן אִיר קֶענְט זֵיי נֶעמֶען פוּנֶעם שִׁיף".



**די שטאט ראדיש פון דער הייעך**

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מְ'הָאט אִים גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, אוּן מְ'הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט מִמָוֶת לְחַיִים פוּן דִי הֶענְט פוּן דִי גַזְלָנִים.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

## שבת ביינאכט בלק תשפ"ב

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געהאט די זכי' צו מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה פרייטאג צונאכטס פרשת בלק ביים ראש ישיבה שליט"א.

### א געפיל צו לערנען זוהר הקדוש

ווען דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול האט דער ראש ישיבה געגריסט פרייליכערהייט גוט שבת! גוט שבת! דער ראש ישיבה האט זיך אנגעטון א הערליכע ווייס און גאלדענע בעקיטשע, דער ראש ישיבה האט פארציילט אז דאס האט ער באקומען פון זיין טאטע, די בעקיטשע פון זיין זיידע הרב רבי יחקאל רוטה זצ"ל, דער קארסלבורגער רב.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ער האט עס באקומען פיר וואכן צוריק, און פון דעמאלט טוט ער עס אן יעדע וואך שבת ביינאכט ביז נאך קידוש. "ס'איז מיר א זכי' עס צו אנטון". דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די אנוועזנדע: "דו לערנסט די זוהר מיט'ן פירוש "חזית איש" וואס קומט ארויס יעדע וואך? די געפיל צו זוהר האב איך באקומען פון מיין זיידע, ער האט אין מיר אריינגעלייגט א שטארקע געפיל אין לערנען זוהר. אוודאי איז אלעס בזכות מוהרא"ש, מוהרא"ש האט געוויזן די וועג ווי אזוי עס צו מיטנעמען אויף למעשה, אבער פון מיין זיידע האב איך באקומען א מורא'דיגע געפיל צו לערנען זוהר".

### זינגען זמירות שבת

מען האט אנגעפאנגען צו זינגען זמירות מיט א מורא'דיגע זיסקייט און געשמאק, אינמיטן זינגען האט דער ראש ישיבה אפאר מאל געקלאטשט זייער פרייליך, און ביי א הארציג שטיקל האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט צוגעמאכטע אויגן.

נאכן זינגען זמירות האט דער ראש ישיבה געשמעקט הדסים און געפרעגט: "ווער ווייסט וואס מען באקומט ווען מען שמעקט הדסים שבת?" ווען מען שמעקט הדסים שבת באקומט מען ערליכע קינדער!"

אינמיטן זינגען זמירות האב איך באמערקט ווי דער ראש ישיבה האט צוגערופן איינער פון די קינדער און אים אריינגעזאגט שטילערהייט אין די אויער א סוד. די סוד איז געווען אז ער זאל גיין ברענגען די מעסער פאר די חלה...

### א בעקיטשע מיט א היט פאר שבת

איינער פון די קינדער האבן געוואלט וויסן ווען ער וועט שוין קענען באקומען א בעקיטשע מיט א הוט פאר שבת, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט מיט א שמייכל אז מען קען נאר באקומען א בעקיטשע ווען מען פירט זיך אויף ערוואקסן, ווייל ווי אזוי וועט עס אויסזען ווען מען וועט זען ווי איינער מיט א הוט קריכט אויף דער ערד? עס וועט אויסזען ווי די בילד פון די מעשה וואס איז געווען אין עצתו אמונה פאר קינדער, ווי דער חזן וואס האט באקומען די קול פון די ציגעלע קריכט אויף דער ערד... ווען ער וועט זיך אנהייבן אויפפירן ווי א גרויס קינד, וועט ער עס קענען באקומען.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "ווער וועט אויפהייבן די בעכער די וואך?" דער ראש ישיבה האט געוויזן אויף איינער פון די געסט וואס איז א חתן געווארן די וואך, אז ער וועט אויפהייבן די בעכער.

### געווען א ווילד קינד

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון זיין ווייב: "גדענקסט ווען נאך אונזער חתונה האבן מיר געמיינט אז מיר גייען נישט האבן קיין קינדער?" דער ראש ישיבה האט זיך ארומגעקוקט און געזאגט: "שכוח אייבערשטער פאר מיינע קינדער, עפעס א שטיקל משפחה איז שוין געווארן..."

דער ראש ישיבה האט אויך פארציילט אז אלס בחור פלעגט ער הערן ווי מענטשן שמועסן אונטער זיין רוקן אז ער וועט קיינמאל נישט קענען חתונה האבן, ווייל ער איז געווען א ווילד קינד... דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך בין נישט געווען שלעכט, איך בין נאר געווען אביסל אסאך ווילד"...

איין מאל האב איך אויסגעפינען אז איינער וויל מיך קומען קוקן פאר א שידוך, איך האב נישט געוואלט מען זאל מיך קומען קוקן, האב איך זיך אויסגעטון די שיך, אנגעטון א טלית, גענומען א שופר, ארויפגעגאנגען אויפ'ן טיש... ווען יענער האט געזען וועם מען האט אים אנגעטראגן איז ער גלייך ארויסגעלאפן פון בית המדרש... דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "נאך א נס, אזוי האב איך דיך געטראפן..."

אלע קינדער האבן זיך געשטעלט אין א רייע ביי די סינק און דער ראש ישיבה האט זיי געוואשן.

<<<<

### המוציא אויף צוועלף חלות

ביים טיילן די חלה האט איינער באמערקט אז די חלות האט אויף זיך ארויפגעלייגט קליינע באליס. ער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וועגן דעם, האט דער ראש ישיבה אים געזאגט עס שטייט פונעם אריז"ל, שבת זאל מען מאכן המוציא אויף צוועלף חלות, וועגן דעם לייגט מען ארויף אויף איינער פון די חלות צען באליס, און צוזאמען מיט די צוויי חלות איז עס צוועלף. אין זוהר שטייט מען זאל מאכן המוציא אויף פיר חלות, און מוהרא"ש האט זיך טאקע אזוי געפירט.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געבעטן צוויי קינדער אז זיי זאלן גיין אין קאך העלפן אריינברענגען די פיש.

### עוסק זיין אין שידוכים א גאנץ לעבן

איינער פון די געסט איז געווארן א חתן די וואך, האט דער ראש ישיבה נאכאמאל געזאגט פארן חתן "מזל טוב", דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי פרייליך ער איז מיט די שידוך. און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט, מיינסט איך בין שוין פארטיג? גלייך נאך דיין שידוך האב איך זיך שוין גענומען צו נאך אפאר שידוכים. דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיין גאנץ לעבן זאל איך קענען עוסק זיין אין שידוכים.

### פארוואס קומט נאכנישט משיח?

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז איינער פון אנשי שלומינו וואס האט געהאלפן מיט דעם שידוך - איז געגאנגען צו די לחיים, און דארט איז געווען א פעטער וואס איז געווען ברוגז אויף די שידוך, און יענער האט אים זייער שטארק אנגעשריגן און פארשעמט, און אויך געשטויסן, עס איז געווען גרויסע בזיונות. איינער פון די אנוועזנדע האבן זיך געוואונדערט, ס'איז טאקע אזוי געווען? ס'איז טאקע דא אזאנע מענטשן וואס טוען אזעלכע זאכן?

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "זיכער, וואס מיינסטו, פארוואס קומט נאכנישט משיח? וואו איז משיח? און פארוואס פאסט מען שבעה עשר בתמוז? נאר וועגן מען האט זיך נישט ליב און מען טשעפעט זיך".

### שבת'דיגע עסן מעג מען ליב האבן

די קינדער האבן געשמועסט צווישן זיך אז זיי דארפן נאר די אונטערשטע חלק פון די חלה, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן צו זיין ווייב: "אפשר קען מען באקן א חלה וואס האט נאר אונטן?"

איינער האט זיך אנגערופן אז אלחנן נרו יאיר האט ליב די אויבערשטע חלק, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "אלחנן האט ליב די עסן? איך האב געמיינט אז אלחנן האט ליב די תורה!" און דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרייט צו אלחנן און אים געפרעגט: "דו האסט ליב עסן אדער די תורה? האט ער געענטפערט די תורה!"

די ראש ישיבה'ס ווייב האט אנגעמערקט וואס דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט, אז שבת מעג מען זאגן אויף די עסן אז מען האט עס ליב. האט דער ראש ישיבה צוגעשטימט מיט א שמייכל: "יא, די שבת'דיגע עסן מעג מען ליב האבן".

**וואס מיינסטו, פארוואס קומט נאכנישט משיח? וואו איז משיח? און פארוואס פאסט מען שבעה עשר בתמוז? נאר וועגן מען האט זיך נישט ליב און מען טשעפעט זיך.**

### אננעמען וועלכע ארבעט ס'איז נאר דא

דער ראש ישיבה האט פארציילט אויף א אינגערמאן וואס איז אנטלאפן פון אומאן צוליב די מלחמה אין אוקריינע, און יעצט וואוינט ער אין שטעטל, אז דער אינגערמאן האט אים פארציילט אז ער איז דער איינציגסטער וואס איז אנטלאפן פון אומאן און ער האט נישט קיין חובות, ווייל דער ראש ישיבה האט אים אויסגעלערנט אז מען קען נישט קוקן אויף כבוד, מיר פאסט נישט צו טון די ארבעט, און מיר פאסט נישט צו טון יענע ארבעט, נאר וואו ער קומט אן נעמט ער סיי וועלכע ארבעט ס'זאל נאר זיין, צו ס'איז א באס דרייווער, א משגיח אדער סיי וואס, ס'איז נאכנישט דורך א טאג וואס ער זאל נישט האבן געארבעט.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט אויף יענעם אז ער איז א גרויסער מפיץ. יעצט איז ער די גבאי אין א שול וואס דארט האט מען זייער ליב יעדן איד, מען קישט און מען האלדזט יעדן איד, ביז ברסלב'ע חסידים. זיי זענען זייער שטרענג מיט דעם, און זיי לאזן נישט אריין די ברסלב'ע קונטרסים און גליונות. אזויווי ער ארבעט יעצט דארט, לייגט ער כסדר אראפ גליונות און אנדערע זאכן ביי דעם שול און מענטשן זענען זיך מחי' מיט דעם.

ווען דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט: "האסט נישט מורא מען וועט דיך ארויסווארפן פון דארט?" האט ער פארציילט אז איין טאג איז אריינגעקומען די זון פונעם רב אין שול, און ער האט אנגעפאנגען צו שרייען "ווער ברענגט

דא די ברסלב'ע זאכן?!" האט ער זיך אנגערופן "איך". יענער איז געווארן איבעראשט און פארלוירן, און ער האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. האט ער אים געזאגט: "אקעי, ס'איז גוט, דו מעגסט עס ברענגען".

**דו זאגסט אדער דו לערנסט?**

איין טאג איז דער אינגערמאן געזיצן אין בית המדרש און געזאגט משניות, אינמיטן קומט צו צו אים א איד און פרעגט אים: "דו זאגסט אדער דו לערנסט?" האט ער געענטפערט "איך זאג". האט אים יענער געזאגט: "דו ביסט נישט יוצא לימוד התורה, עס הייסט נישט געלערנט".

דער אינגערמאן הערט שוין די דרשות פונעם ראש ישיבה די לעצטע זיבן יאר, און ער האט נאך קיינמאל נישט געהאט אז איינער זאל צוקומען און אים פרעגן די שאלה "דו זאגסט אדער דו לערנסט? עס הייסט נישט געלערנט!" ממש אזוי ווי דער ראש ישיבה לייגט עס אראפ ביי די דרשות... יעצט ווען איינער איז צוגעקומען צו אים דאס פרעגן, האט ער זיך זייער צושמייכלט. אבער יענער מענטש האט נישט געכאפט פארוואס ער שמייכלט, און ער זאגט אים נאכאמאל: "עס הייסט נישט געלערנט!" האט ער זיך גענומען נאך מער לאכן, ווייל ער האט זיך דערמאנט אז דאס איז ממש וואס ער הערט ביי די דרשות...

מען האט געזינגען זמירות און דערנאך האט מען אריינגעברענגט די זופ, דער ראש ישיבה האט קאמפלימענטירט זיין ווייב ווי געשמאק די זופ איז געלונגען. דערנאך האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "איך מיין אז מען זאל יעדע וואך רופן די געסט, ווייל די עסן איז זייער געשמאק און עס ראט אין די געסט..."

**באהאלטענער מפיץ**

דער ראש ישיבה האט פארציילט אויף עפעס א בחור'ל וואס געבט ארויס יעדע וואך א שיינע גליון אויף שלום בית, ער נעמט א קונטרס פון מוהרא"ש, און ער שרייבט איבער אלעס וואס שטייט דארט, נאר אן די ווארט ברסלב, און אזוי פארשפרייט ער עס. זיין טאטע וואס ווייסט נישט אז ער שטעלט דאס צאם, זעט עס אויך אסאך מאל, און זיין טאטע זאגט אים: "זעסט מען דארף נישט זיין ברסלב צו האבן שלום בית, איבעראל רעדט מען וועגן שלום בית..."

**פארציילט די סדרה**

דערנאך האט מען אריינגעברענגט די פלייש, די קוגל, און פערפל. דער ראש ישיבה האט פארציילט די מעשיות פון תפילה וואס די קינדער האבן אהיימגעברענגט פון חדר, און אויך פארציילט אביסל פון די פרשה, וועגן בלעם וואס איז געווען בלינד אויף איין אויג, און וועגן זיין אייזל וואס האט גערעדט צו אים, דער ראש ישיבה האט עס געמאכט אינטערעסאנט און פרייליך פאר די קינדער.

**געלט מאכט נישט פרייליך**

דער ראש ישיבה האט פארציילט וועגן איינער וואס איז ארויפגעקומען די וואך און ער האט נישט אויפגעהערט צו רעדן פון געלט, ווי אזוי ער קען מאכן מער געלט, און ווי אזוי ער קען באקומען נאך מער געלט... און ווען ער האט געענדיגט רעדן האט ער געפרעגט, און וואס זאגט דער ראש ישיבה? האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט: "איך גלייב אינעם אייבערשטן... געלט מאכט נישט פרייליך".

אינמיטן דעם שמועס האט דער ראש ישיבה פארציילט וועגן איינעם וואס זיין שוואגער איז אהיימגעקומען די וואך מיט א נישט אידיש קינד לא עלינו, אז ער וויל חתונה האבן מיט איר. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דאס הייסט צער, פון דעם קענען עלטערן שטארבן".

**קעגן די ליבעראלע**

מען אריינגעברענגט די אייסעס און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז היינט קען מען נאר באקומען א אייסעס ווער עס פארציילט א שיינע מעשה פון תפילה. עס איז געווען רויטע און בלויע אייסעס, און דער ראש ישיבה האט געפרעגט יעדעם וועלכע קאליר ער דארף, די רויטע וואס איז פאר טראמפ, אדער די בלויע וואס איז פארביידען. ווען אלחנן האט געזאגט אז ער דארף א רויטע, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "זייער גוט, ער איז קעגן די ליבעראלן, ער איז אן ערליכער איד".

נאכן טיילן פאר יעדעם אייסעס האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יעצט גייט מען זען ווי אזוי א ראש ישיבה עסט אייסעס". דער ראש ישיבה האט צושניטן די אייסעס אויף קליינע רעדלעך, און געגעסן איינס ביי איינס.

ביים פארציילן די מעשיות פון תפילה וואס די קינדער האבן אהיימגעברענגט פון חדר, האט מען געזען אז איין קינד פון חדר האט געבעטן דעם אייבערשטן אז דער ראש ישיבה זאל אים זאגן א סוד. האט דער ראש ישיבה פארציילט וועגן יענעם קינד, אז איין טאג ווען ער האט אראפשפאצירט אויף די האשקי גאס, האט יענער אינגל אנגעהויבן מיטגיין מיט'ן ראש ישיבה, האט אים דער ראש ישיבה אויסגעלערנט ווי אזוי צו רעדן צום אייבערשטן, דער ראש ישיבה האט געזאגט מיט אים די ווערטער: "אייבערשטער העלף מיך איך וויל זיין אן ערליכער איד".

דערנאך האט מען געבענטשט, און דער ראש ישיבה איז אראפגעגאנגען אונטן צו די בחורים זינגען זמירות לכבוד שבת און מאכן די באטע - נישט פאר ער האט געהייסן די קינדער זאלן העלפן אראפרוימען פון טיש.

ש'כח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא לעכטיגע סעודה, דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען פאלגן וואס דער ראש ישיבה זאגט אונז וועלן מיר האבן א שיינע לעבן.

# נקודות טובות

געהערט פון **אנשי שלומינו**

## בליצן און נאטיצן אויפן לעבן צו ניצן

### אברהם משה שטראססער – קרית ברסלב

אין דער קונטרס פון זוהר הקדוש וואס מען געבט ארויס יעדע וואך מיט'ן פירוש פונעם ראש ישיבה שליט"א, האב איך באמערקט אז יעדע מאל וואו עס שטייט "תא חזו, קום און זע", שטייט נאכאמאל די זעלבע ווערטער "אין זוהר האבן מיר אלץ דעם לשון תא חזי – קום און זע, אנדערש ווי אין די גמרא וואס דער לשון איז תא שמע – קום און הער ווייל די הייליגע זוהר עפנט די אויגן, עס ווערט אזוי ליכטיג, מען הויבט אן זען דעם אייבערשטן".

האב איך געפרעגט דער ראש ישיבה פארוואס דארף מען עס שרייבן יעדעס מאל עקסטער נאכמאל.

האט דער ראש ישיבה געענטפערט מיט א פשטות: "וואס הייסט, ר' שמעון בר יוחאי שרייבט דאך אויך איבער די ווארט תא חזו יעדעס מאל..."

### חיים ישראל אפעלבוים

איך האב ארויסגענומען א שטארקע נקודה פון דעם שיעור מוצאי שבת חקת ביי מלוה מלכה, וואו דער ראש ישיבה האט זייער שטארק ארויסגעברענגט אז דורך התבודדות און רעדן צום אייבערשטן קען יעדער זוכה זיין צו די מדריגה וואס די צדיקים האבן אז וואס דער אייבערשטער טוט, פילן זיי טאקע באמת אז עס איז גוט.

### משה בלוי

שבת ביי סיפורי מעשיות פרשת חקת האט דער ראש ישיבה גערעדט ווי מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך, דער ראש ישיבה האט געפרעגט: "האסט שוין אמאל געדאנקט דעם אייבערשטן אז דו האסט צען פינגערס?" און דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינער פון די תלמידים אין ארץ ישראל האט גערופן זיך מזכיר זיין ווייל זיין זון האט זיך אפגעשניטן א פינגער לא עלינו.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה פון איינער פון שטעטל וואס זיין קינד דארף א רפואה אויף די אויג, ארויסברענגענדיג אז מען דארף נישט ווארטן ביז מען פארלירט עפעס צו דאנקען דעם אייבערשטן, נאר כסדר דאנקען דעם אייבערשטן אויף די פילע גוטס וואס ער שענקט אונז אלץ.

איך האב אפגעמאכט אז איך גיי דאנקען דעם אייבערשטן אויף מיינע אויגן און מיינע פינגער און אלע אנדערע גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער געבט מיר.

### שמשון הערש טייטלבוים

דער ראש ישיבה האט דערציילט ווי דער הייליגער מגיד האט געשיקט זיינע תלמידים פרעגן דעם הייליגן רבי זושא זי"ע ווי אזוי מען קען זוכה זיין צו דאנקען דאס זעלבע אויף שלעכטס ווי אויף גוטס.

דער ראש ישיבה האט עס גענאגט מיט אזא פשטות ווי אזוי רבי זושא האט זיי געענטפערט איך פארשטיי אויך נישט פשט, איך ווייס נישט וואס עס מיינט שלעכטס, אז איך האב טאקע אויך אנגעהויבן אזא שפירן אז ס'איז נישט דא וואס צו זיך אפרעדן, אלעס קומט דאך פונעם אייבערשטן.

### איזייק ברז"א ראטה

ר' בערל לעווי האט פארגעלערנט שלוש סעודות אין בית המדרש שע"י מחנה אילן החיים. ער האט געזאגט בדרך צחות אז דאס וואס דער רבי זאגט אז עוג מלך הבשן איז די קליפה וואס מאכט דאס דאוונען פאר א בארג, האט ער געזאגט אז אסאך מאל איז די "אויג" גורם אז דער דאוונען זאל זיין א בארג, אזוי ווי דער רבי זאגט אז מען היט זיך נישט

# נקודות טובות

די אויגן פילט מען א טעם פון ביטערע וואסער ווען מען דאווענט.

ווי אויך אסאך מאל זענען זיך מענטשן מבלבל ביים דאווענען ווי אזוי קוקט מען אויף מיר? מען וועט יא קוקן ווי שיין איך דאווען, מען וועט נישט קוקן ווי שיין איך דאווען, דאס מאכט פיל מאל דאס דאווענען פאר א בארג.

## מנחם שטיינבערג

דערציילט סודות פון חדר... דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי די הנהלה מיטינג לעצטע וואך ווען מען האט אים געפרעגט וואס וועט זיין מיט נייע הייזער, עס זעט נישט אויס ווי זאכן רוקן זיך. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ווען א מענטש מאכט אפ אז ער איז ממש איינער אליין און קיינער קען אים נישט העלפן נאר דער אייבערשטער, דעמאלט קומט אן די ישועה".

און דער ראש ישיבה האט געזאגט נאכדעם: "אפשר ביי די נעקסטע מיטינג פון די טאון וועט שוין די זאונינג זיין געטוישט".

## שמואל אייכענשטיין

זאגט אז ער האט זייער הנאה געהאט אז שבת נאכן דאווענען האט דער ראש ישיבה אויסגערופן אז א שעה פאר מנחה גייט זיין סדר הלימוד צו לערנען שיעורים כסדרן, אזוי האט ער געקענט ענדיגן זיינע שיעורים אפילו אום שבת.

## בנציון ברויו

דערציילט אז עס האט אים שטארק געכאפט דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט פרייטאג צונאכטס ביי די באטע, אז ער איז שוין מתפלל יארן אז עס זאל אים נישט באדערן ווען עס קומען די שווארצע שמוץ פליגן.

ער האט ארויסגענומען פון דעם זייער א שטארקע נקודה אז נישט אלעמאל דארף מען בעטן אז די זאך וואס באדערט זאל אוועקגיין נאר צומאל קען מען בעטן אז די זאך זאל אויפהערן באדערן.

און ער לייגט צו, יעדע מאל דער ראש ישיבה רעדט הערט מען נייע חידושים וואס מען קען ניצן אויף למעשה.

## אברהם משה שטראססער

איך האב געהאט אזא נחת ווען מיין ווייב זאגט מיר, אז די חינוך פון בית פיגא איז עפעס א מתנה פון הימל וואס מען קען נישט באצאלן, זי זאגט מיר אז אונזער פיר יעריגע טאכטער איז געגאנגען צום שפיגל און זיך אפגעמאסטן די קלייד און געזאגט: "מאמי איך קען נישט גיין מיט דעם עס איז נישט גענוג לאנג נאך די קניען".

## אהרן יוסף קליין

מיך האט שטארק געכאפט דאס וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט ביי די באטע פרייטאג צונאכטס פרשת חקת, אז א מענטש האט גארנישט פון רעדן שלעכטס אויף א צווייטן; אזוי ווי דער שלאנג וואס שיסט אריין גיפט אין א מענטש און ער האט גארנישט דערפון, און לעתיד לבא ווען מען וועט דן זיין דעם שלאנג פארוואס האסטו געשטאכן מענטשן? וועט דער שלאנג ענטפערן "און פארוואס דער וואס רעדט שטעכעדיג אדער ניבול פה ער האט דאך אויך גארנישט דערפון".

## איינע פון די יונגעלייט האבן דערציילט

איך בין געבליבן ביי די זמירות וואס דער ראש ישיבה זינגט צוזאמען מיט די בחורים פאר די סעודה, שלום עליכם און אשת חיל, ביז קידוש.

דער ראש ישיבה האט אויסגערופן אז אלע בחורים זאלן קומען זינגען זמירות נאך די סעודה, מען מוז נישט בלייבן ביי די שיעור, אבער זמירות מוז מען זינגען.

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "די ערשטע יארן אין ישיבה האב איך אויך נישט מקפיד געווען אויף דעם, אבער די צווייטע זומער איז מוהרא"ש געקומען אין קעמפ פאר א שבת, און פרייטאג צונאכטס זענען נישט אלע בחורים געקומען צום באטע זינגען זמירות, און מוהרא"ש האט מיר זייער פארגעהאלטן פארוואס איך פארלאנג נישט פון די בחורים צו קומען, מוהרא"ש איז געווען זייער ברוגז אויף מיר דערוועגן".

האב איך געזעהן א לימוד פאר מיר ווי שטארק מען דארף מקפיד זיין צו זינגען זמירות שבת.

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

## BUY AND SAVE

Store hours:

Sun -thurs 10:00 a.m.- 7:00 p.m.

Friday 10:00 a.m.-2:00p.m.

Monday special night hours open till 11:00 p.m.

Drop off hours is the same time

---

א שיינע געשמאקע
דירה אין
שטעטל צו פארדינגען
פאר זומער שבתים

ביטע רופט
יעקב יאקאבאוויטש
347-641-3618

---

איין רומיגע דירה
אין שטעטל אויף
האשקי גאס, צו
פארדינגען פאר
זומער שבתים

ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

---

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**

קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.

און צוריק ביינאכט

מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקלים, און קרית ברסלב ליבערטי.

פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר

ברוך אפעלדארפער
914–705–9524

---

ברית גמ"ח

מאכט איר א ברית?
מיר האבן אלע קליידער
ספעציעל פאר א ברית

רופט משפחת בוים
347-831-4727

---

Electrolysis, Tinting,
Waxing

Please call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681

---








קינדער אפטיילונג

# בַּיים סוֹף בְּלַייבְּן אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים

"פָּאלִיצֵיי, פָּאלִיצֵיי!!!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע, "רוּפְט שׁוֹין דִי פָּאלִיצֵיי!"

גֶעוֶוען אִיז דָאס אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן זֵייעֶר קִינְד, אוֹיפְ'ן וֶועג זֶעעֶן דִי תַּלְמִידִים פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַז עֶפֶּעס טוּט זִיךְ, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעוְוּיסְט פוּן פָארְאוֹיס אַז דִי מִתְנַגְדִים, דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן - וִוילְן טוּן שְׁלֶעכְטְס פַאר דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי נָתָן, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם וָואגְן אוּן גֶעגַאנְגֶען קוּקְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ.

דִי תַּלְמִידִים זֶענֶען אַהִין גֶעגַאנְגֶען קוּקְן אוּן זֵיי זֶעעֶן זֵייעֶר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, עֶס שְׁטֵייעֶן מֶענְטְשְׁן מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן וַוארְטְן אָפּ רֶבִּי נָתָן, זֵיי וִוילְן חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן רֶבִּי נָתָן, זֵיי לוֹיפְן שְׁנֶעל צוּרִיק, זֵיי זָאגְן פַאר רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל זִיךְ בַּאהַאלְטְן, רֶבִּי נָתָן אִיז אַרָאפּ פוּן וָואגְן אוּן אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין וַואלְד זִיךְ בַּאהַאלְטְן.



"אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען"

"פָּאלִיצֵיי, פָּאלִיצֵיי!!!" שְׁרֵייעֶן אַלֶע, "רוּפְט שׁוֹין דִי פָּאלִיצֵיי!" דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶערוּפְן דִי מְחוּתָּנִים, מֶען הָאט גֶערוּפְן פָּאלִיצֵיי זֵיי זָאלְן אַוֶועק נֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וִוילְן טוּן שְׁלֶעכְטְס פַאר רֶבִּי נָתָן.

מֶען קוּמְט צוּרִיק זוּכְן רֶבִּי נָתָן, מֶען וִויל אִים זָאגְן אַז אַלֶעס אִיז שׁוֹין גוּט, עֶר קֶען שׁוֹין אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן וַואלְד וַוייטֶער פָארְן צוּ דִי חֲתוּנָה; 'ווּאוּ אִיז רֶבִּי נָתָן?' ווּאוּנְדֶערְן זִיךְ אַלֶע, 'וָואס טוּט יֶעצְט רֶבִּי נָתָן?'

קִינְדֶער אִיר קֶענְט טְרַאכְטְן ווּאוּ רֶבִּי נָתָן אִיז יֶעצְט? אִיר קֶענְט צוּטְרֶעפְן וָואס רֶבִּי נָתָן טוּט יֶעצְט? רֶבִּי נָתָן אִיז בַּאהַאלְטְן אִין וַואלְד, עֶר אִיז יֶעצְט אִינְמִיטְן "הִתְבּוֹדְדוּת"; עֶר זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט טוּן קֵיין שְׁלֶעכְטְס, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין קִינְד".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן רֶבִּי נָתָן וִוי עֶר זִינְגְט אִין וַואלְד אַ שֵׁיינֶע נִיגוּן, עֶס הָאט דָאךְ אַלֶע טַעֲמִים; לָאמִיר מִיט זִינְגֶען דֶעם זִיסְן נִיגוּן וָואס רֶבִּי נָתָן זִינְגְט: "אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען", מֶען הֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּטְ'עֶר בַּעַל עֲגָלָה וֶוען עֶר גֵייט צוּ זַיין קִינְדְ'ס חֲתוּנָה קוּמְט אִים נִישְׁט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים, מֶען זָאל אִים אָפְּוַוארְטְן מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס, פַארְוָואס קוּמְט מִיר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים? עֶס מוּז זַיין וַוייל אִיךְ פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען דָאס נִישְׁט לַיידְן".

קִינְדֶער, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן דִי אַלֶע מִתְנַגְדִים? ווּאוּ זֶענֶען זֵיי? וִוי אַזוֹי הֵייסְן זֵיי? וֶוער וֵוייסְט פוּן זֵיי? גָארְנִישְׁט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זֵייעֶרֶע נֶעמֶען, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט ווּאוּ זֵיי זֶענֶען, ווּאוּ זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער לִיגְן בַּאגְרָאבְן; קִינְדֶער, וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן רֶבִּי נָתָן? הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶ', דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לֶעבְּט פוּן דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי נָתָן.

בִּשְׁעַת אַ צַדִיק לֶעבְּט זֶעט אוֹיס וִוי עֶר הָאט גָארְנִישְׁט, וִוי עֶר אִיז דֶער חוֹזֶק; מֶען רוֹדְפְ'ט אִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים לָשׁוֹן הָרָע, עֶר אִיז אַ חוֹזֶק, אוּן דִי רְשָׁעִים זֵיי זֶעעֶן אוֹיס רַייךְ, גְרוֹיס אוּן מֶעכְטִיג, אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶעט מֶען אַז עֶס בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער נָאר דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

# נאָך וועמען הייס איך?

**איך הייס:** אהרן

**נאך:** דער הייליגער בעלזער רב זכותו יגן עלינו

## אביסל איבער אים

מוהרא"ש האט פארציילט אז דער הייליגער בעלזער רב האט אים געזאגט פאר די בר מצוה דריי זאכן:

א. נישט רעדן מיט די תפילין

ב. דאווענען אויף איין פלאץ א גאנץ דאווענען

ג. זיך גוט ריינגן מיט אסאך פאפיר

און אויסגעפירט "אויב דו וועסט דאס מקיים זיין וועסטו אויסוואקסן א גדול בישראל".

מיין טאטע ר' שלמה ברוך בלוי הי"ו האט געבעטן א ברכה פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פאר איך בין געבוירן, וויל מ'האט געדארפט האבן א ישועה אז אלעס זאל זיין גוט, יענעם טאג איז געווען די יארצייט פון בעלזער רב, האט מוהרא"ש זיך אנגערופן "בזכות פון בעלזער רב וועט אלעס זיין גוט". און ברוך השם אלעס איז אדורך בשלום. שפעטער ביים ברית האט מען מיר טאקע געגעבן דעם נאמען אהרן נאכן הייליגן בעלזער רב.

**געשריבן דורך:**

*אהרן בלוי - בית שמש*



**אויפן בילד:** דער גרויסער צדיק "בעלזער רב" זי"ע

# מעשה פון תפלה פאר קינדער

אליעזר שלמה וועבערמאן פון קרית ברסלב פארציילט:
איך האב זייער שטארק געוואלט האבן א א-ב טרעין, האט מיר מיין מאמע געזאגט איך זאל בעטן דעם אייבערשטן.



# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

## טאטע, איך שריי צו דיר טאטע, איך בעט פון דיר טאטע, נעם אהן מיין געבעט.

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | כ | ל | א | י | כ | כ | ט | ב | נ | ע | ל | ח | ר | ו | ר | ה | מ | ו | ש | פ | ל | כ |
| פ | ר | ב | ע | ז | נ | ר | ח | ת | ו | ס | מ | ש | מ | מ | י | צ | ע | צ | א | ס | ט | ג |
| ז | א | ח | נ | ס | ע | ט | א | ט | ע | ד | א | ח | כ | כ | ד | ז | ש | כ | ג | ס | ש | ע |
| ז | ס | ט | ש | כ | ת | ע | נ | י | ו | ז | ח | ס | ת | ח | ו | ל | ז | ר | כ | צ | ת | ת |
| צ | מ | ר | ס | ז | ט | כ | ר | י | כ | כ | ש | נ | ב | ת | צ | נ | כ | ר | ו | ו | ז | ד |
| ג | ד | ו | מ | א | ו | ח | ז | ג | ש | ב | צ | ד | ז | ל | כ | ה | י | ז | ג | ק | ג | ח |
| ס | ש | כ | ט | ש | מ | ת | ו | פ | ע | כ | ע | ע | ט | ק | ע | א | ת | י | פ | ו | נ | ח |
| צ | ח | ר | ד | ק | ב | ת | ר | ג | ג | ב | ת | ט | ח | ט | ר | צ | ת | ל | מ | ח | ג | נ |
| ב | י | ע | י | ר | א | ל | ו | י | ק | כ | ע | ר | א | ק | י | ק | א | מ | נ | ח | צ | ד |
| ד | ש | א | י | ב | ו | ל | ד | ח | ב | ז | ט | ט | ס | ר | י | פ | ח | כ | צ | ר | ק | ח |
| ט | ק | ת | ר | ר | ג | ע | ר | פ | ז | מ | נ | א | ז | ק | ד | י | ע | ר | ז | ח | י | נ |
| צ | נ | ש | ש | ט | ג | מ | מ | נ | פ | ג | ע | מ | ט | פ | ע | ת | ר | ז | ל | ק | ה | ד |
| צ | ש | ח | נ | ב | ג | ק | ה | י | י | ש | מ | ז | מ | ק | ו | ז | נ | ט | ת | ע | ת | ז |

העלף נחמן נתן אנקומען צו לערנען גמרא.








# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**לא.** מִי שֶׁאֵינוֹ אוֹמֵר שֶׁקֶר, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹשִׁיעַ לוֹ בְּעֵת צָרָתוֹ גַּם בָּנִים יִהְיוּ לוֹ.

**טייטש.** וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין לִיגְנְט, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְּן וֶוען עֶר וֶועט דוּרְכְגֵיין אַ צָרָה, אוּן עֶר וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | 2 |
| 4 | | | | | |
| 3 | | | | 6 | |
| | | 1 | | | |
| | | | 3 | | 1 |
| 5 | | | | | 4 |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | 9 | | | | | | 8 | |
| 2 | | 5 | 6 | | 8 | 7 | | 9 |
| | 7 | 8 | | 9 | | 1 | 6 | |
| | 2 | | 4 | 5 | 7 | | 9 | |
| | | 6 | 2 | | 1 | 3 | | |
| | 5 | | 9 | 6 | 3 | | 1 | |
| | 3 | 2 | | 4 | | 5 | 7 | |
| 5 | | 4 | 7 | | 6 | 9 | | 1 |
| | 6 | | | | | | 2 | |



# חידות
## אפטיילונג

דער הייליגער רבי האט געזאגט: מיט דריי תנאים קען מען זאגן ווערטלעך, וועלכע דריי?

א. אן קיין ניבול פה

ב. ס'האט אין זיך א לימוד

ג. נישט אויף צווייטנ'ס חשבון

ד. נישט מיינען זיך

**שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:**

**שאלה:** דער הייליגער רבי זאגט: ווער עס האט ליב דעם צדיק דארף אכטונג געבן

**ענטפער:** ס'זאל נישט ארויסגיין קיין שלעכטע נאמען אויפ'ן צדיק

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**גאלדי לאקס תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת בלק?

## פון אויבן אראפ.

1. א איד טאר נישט גיין מיט א _____ קאפ, אפילו פאר איין סעקונדע
3. נישטא קיין גרעסערע מצוה ווי העלפן די אייגענע _____
5. נאר מיט'ן אייבערשטן האט מען _____
7. ברסלב'ע חסידים האבן _____ די ווערטער פון תהלים מיט די אייגענע בקשות
9. ביי א איד איז דער מח שטערקער פון די _____
10. דער רבי איז געגאנגען מיט שיינע לאנגע _____ פיאות
12. עס כאפט א קיצל צו הערן _____ _____
13. אויב מען טראכט פון _____, דעמאלט ווערט מען אנטוישט
15. ווען מען קומט אין _____, דארף מען קומען מיט דרך ארץ
18. ווען א איד טוט מצוות, געבט אים דער אייבערשטער _____

## פון רעכטס צו לינקס.

1. מען דארף _____ די התבודדות, דאנקען און לויבן און אויך בעטן
2. איך בין א איד, איך _____ און איך הייב זיך אויף
4. א סימן פון _____, איז טון חסד מיט יעדן איינעם
6. א _____ ברענגט יראת שמים
8. עס איז זייער וויכטיג גוטע _____
11. די גאנצע וועלט איז אנגעהאנגען אין רבינ'ס _____ _____
14. הויב נישט אן דיין טאג, פאר דו לייגסט _____
16. איך וויל זיין דיין פריינט, אבער איך רעד נישט קיין _____ _____
17. קלאפ ארויס פון דיין _____ דאס ווארט גט
19. יעדער האט צרות און יסורים, נאר אן ערליכער איד דארף מען _____ זיין
20. גארנישט איז חשוב'ער פון _____



## די ענטפערס פון פאריגע וואך



# ענטפערס פון פאריגע וואך




## ווער זענען זיי?

פון רעכטס צו לינקס

### מחנה היכל הקודש - זומער תש"ע - מוצאי שבת קודש

1. משה ראזענבערג
2. יחזקאל סאמעט
3. יואל טייטלבוים
4. שמואל גאלדשטיין
5. שלמה ברוך טייטלבוים
6. יואל פארקאש
7. מרדכי אהרן הייללפרין
8. שאול גאנץ
9. ישראל קרויס
10. שמואל מרדכי יאקאבאוויטש
11. אייזיק ראטה (וויליאמסבורג)
12. מרדכי הערצאג
13. אייזיק ווייס
14. אברהם הערש וועבערמאן
15. שמואל גליקמאן
16. גדלי' רויך
17. שמואל פינק

# וואו און ווער זענען זיי?




## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל

# בילדער
## אפטיילונג







דער ראש ישיבה לערנט פאר דעם דף גמרא אינטערן
בוים, ממש גן עדן אויף דער וועלט




דער ראש ישיבה לערנט מיט די בחורים אין וואלד
אינטערן שאטן פון נאטור




שבע ברכות פאר טאכטער פון ר' שמעון עוזר פרל הי"ו
גבאי היכל הקודש ירושלים, אין ביהמ"ד היכל הקודש




מען זינגט קווייער פאר די נייע סידי "טאנץ מיט אמונה"
אינעם סטודיאו פון בית הדפוס אין שטעטל




ארפאגעשטעלט אן עלעקטראנישער שילד וואס וועיזט
ווי שנעל מען פארט




די קינדער פון היכל הקודש ירושלים האבן אויפגעשריבן
"ברסלב" מיט קליקס




עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש בני ברק
צוזאמען מיט'ן גאסט פון אמעריקא ר' יעקב פיש הי"ו




דער ראש ישיבה באזוכט ביי די קינדער אין מחנה אילן החיים







די קינדער פון חדר אין קרית יואל ביים שפאצירן אויפ'ן
העכסטן בארג נעבן קרית יואל




כיתה ה' אין שטעטל לערנען געשמאק אויף די גראז
אינטער די ביימער




ברית פון יושע נ"י בן ר' מנחם שטיינבערג הי"ו - ערב
שבת בלק



לחיים פון אפרים פעלדמאן נ"י עב"ג מו"ה משה
שטיינבערג הי"ו אין שטוב פון מחותן - ערב שבת בלק




לחיים פון החתן אפרים פעלדמאן נ"י אין שטוב פונעם
ראש ישיבה שליט"א - ערב שבת בלק